STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11133

LENIN IN ZSHENEVE UN IN PARIZ

I. M. Vladimirov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אי. מ. וולאַדימיראָוו

לעני ן

אין זשענעווע און אין פּאַריז

מיט נ. סעמאַשקאס פאָרעדע, מיט
נ. ק. קרופּסקעס רעדע און מיט
דאַטעס פון וו. אי. לענינס ביאָגראַפיע

צענטראַלפאַרלאַג
מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק אלוקראַאינישע אָפּטיילונג
כאַרקאָוו 1931

Printed in USSR

Бібліографічний опис цього видання вміщено в „Літописі Укр. Друку", „Картковому репертуарі" та інших покажчиках Української Книжкової Палати

Перша книжкова фабрика ім. Г. І. Петровського Харків
ДВОУ УПП

Укрголовліт № 3583. 23/VI 1930.
Зам. № 3561. Тираж 5.000.

געווידמעט

נאַדעזשדע קאָנסטאַנטינאָווגע

קרופסקע

ПРАВДА

פאָרוואָרט

שאַפנדיק די „איסקרא“, האט וולאדימיר איליטש געשריבנ אינ 1901־טנ יאָר (נומ. 4 „איסקרא“, ארטיקל „פונ וואס אָנהויבנ“): „לויט אונדזער מיינונג איז דער אויסגאנג־פונקט פונ אונדזער טעטיקייט, דער ערשטער פראקטישער טריט אפנ וועג צומ שאפנ די געוונטשענע אָרגאניזאציע אונ לעצטנס דער גרונט־פאָדעמ, וואָס האלטנדיק זיכ באַ אימ, וואָלטנ מיר געקענט קעסיידער אַנטוויקלענ, פארטיפנ אונ פארברייטערנ דידאזיקע אָרגאניזאציע, — דארפ באשטיינ אינ אוועקשטעלנ אנ אלרוסלענדישע פאָליטישע צייטונג. אונ אויב מיר וועלנ פארייניקנ אונדזערע קויכעס אפ צו פירנ דידאזיקע צייטונג, וועט אונדזער ארבעט צוגרייטנ אונ ארויסרוקנ ניט נאר די סאמע געניטע פראָפאַגאנדיסטנ, נאר אויכ די געשולטע אָרגאניזאטערס, די סאמע פעיִקע פאלטישע פירערס פונ דער פארטיי, וואס זיינענ אימשטאנד אינעמ פאסיקנ מאמענט צו געבנ א לאזונג דער ענדגילטיקער שלאכט אונ אָנצופירנ מיט דער שלאכט“.

אינ יענע צייטנ האבנ זיכ סיי אינ רוסלאנד, סיי אינ אויסלאנד געפינענ אזוינע, וואס האבנ זיכ סקעפטיש באצויגנ צו דערדאזיקער אידייע, געמאכט פארווּרפנ דעמ כאוועր לענינ, אז ער „פארלי־טעראטורעוועט זיכ“, אז זיינ פלאנ איז אנ אוטאָפיע אונ אז ער איז אומבאקאנט מיט דער לאגע אינ רוסלאנד.

ווי אינ אלע אנדערע פאלנ, איז דער כאווער לענינ אויכ אינ דעמ פאל געווענ גערעכט: איצט ווייסנ מיר שוינ די ראליע, דעמ

באטייט פון „איסקרא״ און פון אנדערע באלשעוויסטישע אָרגאַנען. איצטער ווייסן מיר, אז דער „איסקרא״ (און די באָלשעוויסטישע צייטונגען, וואס זיינען געקומען נאך איר) האט זיך ווירקלעך איינגעגעבן צו דערציען סיי פעיקע פראפאגאנדיסטן, סיי געשולטע ארגאניזאטערס, סיי טאלאנטפולע פאליטישע פירערס פון דער פארטיי.

די ראליע פון די לענינישע צייטונגען אין יענער צייט איז געווען א קאלאסאלע. מע פלעגט זיי אפהיטן ווי הייליקייטן; מע האט זיי געלייענט ביז צום צעשטויבט ווערן. דערפאר טאקע האט אונדזער פארלעגערישע ארבעט אין אויסלאנד באקומען א באזונדער באטייט. מע האט געדארפט שרייבן קורץ און קלאר, שפּאָרן יעדע שורע און יעדעסווארט, און אין אזא קורצער פארם אויסדריקן דעם נויטיקן אינהאלט. וועגן דעם האט זיך געזארגט דער כאווער לענין אליין אינאיינעם מיט אנדערע רעדאקטערס. מע האט אבער אויך געדארפט טעכניש אוועקשטעלן די ארבעט, אז די צייטונג זאל זיין ריין אָפּגעדרוקט, אָן פעלערן (קעדיי עס זאל זיין גרינגער איבערצושיקן די צייטונגען קיין רוסלאנד, האט מען די צייטונג מערסטנטייל געדרוקט אף פאפיראסן־פאפיר). די טעכניק דערפון איז דערפירט געווארן צו אזא גראד, וואס אונדזערע מעלוכע־פארלאגן וואלטן זיי מעקאנע געווען, כאטש געדרוקט האט מען מיט די סאמע אפגעשטאנענע מעטאָדן.

כאדאשימווייז האבן מיר געלייענט און ווידער איבערגעלייענט די לענינישע צייטונג אין רוסלאנד, אפגעהיט זי פון דער זשאנדארמעריע אין די סאמע פארבארגענע ווינקלעך (אין די קוימענס פון הרובעס, אין מאטראצן, אין שטיוול), און דאך פלעג פון די צייטונגען נישט ווערן קיין טעל, און מע פלעגט זיי ווייטערלייענען.

ערע און קאוועד קומט די זעצערס, וואס האבן געארבעט, פארשטייט זיך, נישט אויס מוירע, נאר מיטן פולן באוווסטזיין. מע

האט געדארפט זענ, מיט וואס פאר אנ ענטוזיאזמ זיי האבנ זיכ
באצויגנ צו דער ארבעט, כאטש זיי האבנ באקומענ א קלאגעדיקנ
לינ, וואס האט זיי קוימ געסטייעט אפ דורכצולעבנ.

צו דידאזיקע זעצערס געהערט דער כאווער וולאדימיראוו (מיר
פלעגנ אימ רופנ „וולאדימיר”), וואס זיינע זיכרוינעס ווערנ
איצט געדרוקט. ער איז געשטאנענ דאנ באמ סאמע קאכ־קעסל
פונ דער רעוואליוציע, דורכ זיינע הענט איז דורכגעגאנגענ א
באטייטנדיקער טייל פונעמ אויסלענדישנ פארלאג; ער קאנ אסאכ
דערציילנ, אויב ער האט נית פארגעסנ, וועגנ אונדזער רעוואליר־
ציאנערער באוועגונג און וועגנ דעמ פירער פונ דער באוועגונג —
וולאדימיר איליטש.

נ. א. סעמאשקא.

אינ זשענעווע

מיטנ כאווער לענינ האב איכ זיכ דאס ערשטע מאל באגעגנט אינ מיטנ 1904־טנ יאר אינ זשענעווע. די שווייצ איז דעמאלט דארט געווענ דער זאמלפונקט פאר אלע רוסישע עמיגראנטנ.

איכ בינ געווענ נאכ זייער יונג אונ, דעמ עמעס געזאגט, פא־ נאנדערקלייבנ זיכ אינ אלצ, וואס פלעגט דאנ פארקומענ, איז געווענ פאר מיר זייער שווער.

כאוויירימ עלטערע פונ מיר האבנ זיכ קוימ פאנאנדערגעקליבנ אינ דעמ דאמאלטיקנ אינערלעכנ פארטעישנ קאמפ. אונ איכ, א ארבעטער, וואס איז ערשט ניט לאנג אנגעקומענ פונ רוסלאנד, האב זיכ גאר געפלאנטערט.

די אטמאספער אינ יענער צייט איז געווענ א שרעקלעכע. קעגנ דעמ כאווער לענינ האט מענ געפירט א העצע. אנהויבנדיק פונ פלעכאנאוונ, זאסוליטש, דייטש ביזנ איינפאכסטנ מענשעוויק — האבנ זיכ אלע געפרווט קריטיקירנ אונ אויסלאכנ דעמ כאווער לענינ.

די מענשעוויקעס האבנ זיכ ניט אפגעשטעלט פאר גארנישט. זיי האבנ געהאט א ריזיקנ אפאראט: די צייטונג „איסקרא", אנ עקספעדיציע, א דרוקעריי מיט א גרויסער צאָל שריפט אונ א היפשע קאסע, וואס האט ניט געקארגט קיינ מיטלענ אפ צו דרוקנ אלערליי בלעטלעכ, געווענדט בלויז קעגנ כאווער לענינ.

שטעלט זיכ פאָר אפ א מינוט ווּלאדימיר איליטשנ, דעמ אל־ וועלטלעכנ פירער, וואס האט אינ אזא קריטישנ מאמענט געמוזט בלייבנ אָנ א דרוק־מאשינ.

ווער פון די כאוויירים עס ווייס דעם קאַלאַסאַלן פאַרנעם פון לעניגס ליטעראַרישער אַרבעט דעמאָלט, דעם ווערט קלאָר זיין, וואָס האָט באַטייט פאַר לעניגען בלייבן אָן אַ דרוק־מאַשין.

מיר פּערזענלעך איז זייער גוט באַקענט געווען וולאַדימיר איליטשעס קאָלאָסאַלע אַרבעט.

איך בין געווען נאָענט צו זיין ליטעראַרישער אַרבעט, ווייל אַ העלפט פון דער זשענעווער און פאַריזער באָלשעוויסטישער פּרעסע האָב איך אַליין אויסגעזעצט, און, וואָס איז שייעך צו „וויאַר־סטקע", איז אַלץ דורכגעגאַן דורך מיינע הענט.

די ערשטע באָלשעוויסטישע צייטונג "וופּעריאָד"

און אָט אין סאָף 1904־טן יאָר שאַפט דער כאַווער לעניג די ערשטע באָלשעוויסטישע צייטונג „וופּעריאָד". צוערשט איז די צייטונג געווען אַ קליינע און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר גראָשנס, צונויפגעזאַמלט צווישן דעם כאַווער לעניגס אַנהענגער.

סיי דער כאַווער לעניג, סיי קאַמאַט אַלע איבעריקע האָבן געלעבט אין דאַכקעס און אין הונגער און האָבן אַוועקגעגעבן די לעצטע קאָפּיקעס אויף צו שאַפן אַן אייגענע צייטונג.

אַ היפּש ביסל איצטערדיקע פאַראַנטוואָרטלעכע כאַווייריִם — פּאַרטייער האָבן זיך באַשעפטיקט מיטן אַריבערפירן זאַכן פאַר שווייצאַרישע טוריסטן, זיי פלעגן וואָשן שויבן אין די מאַגאַזינען — דאָך האָבן זיי אַוועקגעגעבן די לעצטע סאַנטימען, אַבי צו שאַפן אַן אייגענע צייטונג.

דער כאַווער לעניג האָט אויף די שפּאַלטן פון זיין צייטונג „וופּעריאָד" אָנגעהויבן אַן אַטאַקע קעגן אַלעמען, ווער ס'האָט געשטערט דעם אַרבעטער־קלאַס. מיט זיין גרויסן טאַלאַנט האָט ער אָנגעווענדט דאָס געדרוקטע וואָרט אויף אַלע פראָנטן: אָט גיט

ער פלעכאַנאָוו און מארטאוון א גאָב, אָט פאַלט ער אָן אָפ טשערנאוון, און דעם „בונד“ דערמאנט ער אויכ פונ צייט־צו־צייט *.

דערצו מוז איכ אונטערשטרייכנ, אז דער מעשעכ צייט זינט לעניג איז אַרויס פונ רעדאַקציע „איסקרא“ ביז עס האט אָנגעהויבנ צו דערשיינענ די ערשטע באָלשעוויסטישע צייטונג „וופעריאָד“, האט זיכ אויסגעצייכנט מיטנ שאַרפסטנ אינערלעכ־פאַרטעיִשנ קאַמפ. די גרעסטע קריגערייענ און מאכלויקעסנ זיינענ פארגעקומענ אינ זשענעווע, וויילַ דאָרט איז געווענ דער צענטראַל־פונקט פאר אַלע עמיגראַנטנ.

דעמאָלט פאָרט כ׳ לעניג אַרומ איבער אַלע שווייצאַרישע שטעט, ווו ס׳האָבנ זיכ נאָר געפונענ עמיגראַנטנ פאַרטעיִשע כאַווערימ און לייענט אַ גאַנצע ריי פאָרטראַגנ.

איכ געדענק, אַז אינ אַ שטיקל צייט אַרומ האט דער כאַווער אַלמינסקי (גאַליאָרקאַ) מיר דערציילט, ווי אַזוי די „נאָוואָיסקראָווצעס“ האבנ זיכ מאַמעש געיאָגט נאָכנ כאַווער לעניג. ווו ער האט זיכ ניט געפרווט לייענענ אַ פאָרטראַג, האט מענ אימ נאָכגעשיקט עמיצנ פונ די אָנגעזעענסטע מענשעוויקעס. וולאַדימיר איליטש

* אט ווי דער דריטער צוזאמענפאר כאראקטעריזירט די צייטונג „וופעריאד“: „נעמענדיק אינ אכט די רעוואָליוציאנערע איניציאטיוו, וואס די צייטונג „וופעריאד“ האט ארויסגעוויזנ, ארויסטרעטנדיק מיט קריטיק קעגנ די אפנייגנ פונ די אנוויי־זונגענ פונעמ 2־טנ פארטיי־צוזאמענפאר, וואס זיינענ אריינגעדרונגענ אינ דער פארטיי אונטער דער אפיציעלער פאנ פונ „איסקרא“, דעמ רעוואָליוציאנערנ כוש, וואס די צייטונג „וופעריאד“ האט ארויסגעוויזנ באמ אוועקשטעלנ און באלייכטנ די פראגעס פונ טאקטיק, וואס די רעוואָליוציאנערע באוועגונג האט ארויסגערוקט, דעמ ענערגישנ קאמפ, וואס „וופעריאד“ האט געפירט קעגנ די דעמאגאגישע גענג, וואס האבנ אופגעלעבט אינ דער פארטיי; נעמענדיק אינ אכט די באזונדערע ראָליע, וואס די צייטונג האט געשפילט אינ קאמפ פארנ אופשטעלנ די פארטעישקייט און, לעצטנס, איר באטייט אינעמ רעאליזירנ דעמ צוזאמענפאר — דריקט דער צוזאמענפאר אויס א דאנקבארקייט דער רעדאקציע פונ דער צייטונג „וופעריאד“.

האט איינמאָל אין אַ שפּאַס געזאָגט: „ווי שאָטנס גייען זיי מיר נאָך”. נאָר דאָס נאָכיאָגן האט ניט לאַנג געדויערט.

ווער פון די כאַווירים עס האט נאָענט געקענט וולאַדימיר איליטשן, דער מוז וויסן, אַז ער האט ניט ליב געהאַט צו פאַר־טערן קיין צײַט צו פּאָלעמיזירן מיט די מענשעוויקעס אפּ עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, אָבער ספּעציעל פאַר אַן אַרבעטער־אוילעם האט ער געקאָנט אַרויסטרעטן באַטאָג און באַנאַכט.

דער ערשטער נומער „וופּעריאָד”

אַפּ מיין מאַזל, הייסט עס, איז אויסגעפאַלן אויסצוזעצן דעם ערשטן נומער פון דער באָלשעוויסטישער צייטונג „וופּעריאָד” *.

איצט אין ראַטנפאַרבאַנד איז, פאַרשטייט זיך, זייער גרינג אויס־צוזעצן און אָפּצודרוקן א באָלשעוויסטישע צייטונג, דעמאָלט אָבער איז דאָס אָנגעקומען זייער שווער. די דרוקעריי, וווּ מע האט אויסגעזעצט די צייטונג, האט זיך ווייניק וואָס אונטערשיידט פון די אונטערערדישע דרוקערייען. שריפט איז געווען זייער ווייניק, דערצו נאָך שטאַרק אָפּגעקלאַפּט, און מיט גרויסע שוועריקייטן פלעגט אָנקומען אויסצוזעצן אַ נומער „וופּעריאָד”. אָפּצודרוקן אים איז געווען נאָך שווערער.

די אומלעגאַלע ליטעראַטור האט מען געדרוקט אפּ דינעם ענגלישן פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. אַזא פּאַפּיר איז אינערגעץ ניט געווען.

איך דערמאָן זיך איצט, וואָס עס געהאט אויסצושטיין דער כאַווער ליאַדאָוו (מאַנדעלשטאַם) און דעריקער דער כאַווער

* די זשענעווער צייטונג „וופּעריאַד” האט אנגעהויבן דערשיינען אין יאנוואר 1905־טן יאר, ווי אן ארגאן פונעם באלשעוויסטישן טייל פון דער פּארטיי. פון יאנוואר ביז מיי איז ארויס 18 נומערן. אין מיי האט אנגעהויבן דערשיינען אנ־שטאט „וופּעריאד” — „פּראלעטארי” אלס דער צענטראלער ארגאן פון ר. ס. ד. א. פּ. לויט דער באשטימונג פונעם 3־טן צוזאמענפאר.

באָנטש־ברויעוויטש, זוכנדיק דאָסדאָזיקע פּאַפּיר; נאָר זייערע מאַ־טערנישן האבן צו גאָרניט ניט געבראַכט, אַזאַ פּאַפּיר איז געווען בלויז אינ רעשוס פונ „איסקרא״.

צופעליק בינ איכ באַקענט געווען מיטן אייגנטימער פונ א פראנצויזישער דרוקעריי, דעמ בירגער זעלנער. בא אימ האָט מענ געדרוקט די צייטונג „איסקרא״. גלייכ, ווי איכ האב זיכ דערוווּסט, אז אינ דערדאָזיקער דרוקעריי איז פאַראַנ דינ פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, האבנ מיר מיטנ כאווער באָנטש־ברויעוויטש זיכ באַלד אָוועקגע־לאָזט אהינ.

דאָס פּאַפּיר אָבער איז געווענ ניט זיינס, עס האט געהערט צו דער צייטונג „איסקרא״. נאָכ לאַנגע אונטערהאנדלונגענ האט ער מאַסקימ געווענ אָפּצודרוקנ דעמ ערשטנ נומער „וופּעריאָד״ אפנ „איסקראַ״־פּאַפּיר. דעמזעלבנ אָוונט איז דערשינענ אונדזער „וופּעריאָד״.

איכ באַשרייב אַפילע קיינ טויזנט כיילעק ניט פונ די אַלע מאַ־טערנישנ, וואָס אונדז איז אויסגעקומענ איבערצוטראָגנ. דערפאַר אָבער האבנ מיר, דער מעכאַבער פונ דידאָזיקע שורעס אונ וו. ד. באָנטש־ברויעוויטש, די ערשטע צוגעטראָגנ וולאַדימיר איליטשנ „זיינ״ ערשטע נומער „וופּעריאָד״. איכ זאָג בעפּיירעש „זיינ״, ווייל די צייטונג האט מענ טאַקע אזוי גערופנ: „דער לענינישער וופּעריאָד״. ביקלאַל האט די צייטונג דערזענ די ליכטיקע שיינ בלויז אַדאַנק וולאַדימיר איליטשס אומגעהויערער ענערגיע — עס איז קעדייַ געווענ צו זענ, וואָס פאַר א פרייד עס איז געווענ פאַר וולאַדימיר איליטשנ דאָס דערשייננ פונ דער צייטונג.

מע קריגט נייעמ שריפט

בלויז אדאַנק וולאַדימיר איליטשס אויסשליסלעכער ענערגיע האט זיכ אונדז גאר גיכ איינגעגעבנ צו באַקומענ אינ לאָזאַנ נאָכ אַ ביסל קליינעמ שריפט (שמאָלער פּעטיט). ער איז געווענ שטאַרק

ÉN AVANT

Россійская
Соціальдемократическая
Рабочая Партія

ВПЕРЕДЪ

Пролетаріи всѣхъ странъ соединяйтесь!

№ 13. ЖЕНЕВА, 5 АПРѢЛЯ (23 МАРТА) 1905 г.

Европейскій капиталъ и самодержавіе.

Соціальдемократическая печать указывала уже неоднократно, что европейскій капиталъ спасаетъ русское самодержавіе. Безъ иностранныхъ займовъ оно не могло бы держаться. Французской буржуазіи было выгодно поддерживать своего военнаго союзника, особенно пока платежи по займамъ поступали исправно. И французскіе буржуа ссудили самодержавному правительству маленькую сумму *миллиардовъ въ десять франковъ* (до 4000 милліоновъ рублей).

Но... ничто не вѣчно подъ луной! Война съ Японіей, разоблачивъ всю гнилость самодержавія, подорвала наконецъ и его кредитъ даже у „дружественной и союзной" французской буржуазіи. Во-первыхъ, война показала военную слабость Россіи; во-вторыхъ, непрерывный рядъ пораженій, одно другого тяжеле, показалъ безнадежность войны и неминуемость полнаго краха всей правительственной системы самодержавія; въ-третьихъ, внушительный ростъ революціоннаго движенія въ Россіи вызвалъ у европейской буржуазіи смертельный страхъ передъ такимъ взрывомъ, который можетъ зажечь и Европу. Горючаго матеріала накоплено за послѣдніе десятилѣтія горы. И вотъ, всѣ эти обстоятельства, вмѣстѣ взятыя, привели наконецъ къ отказу въ дальнѣйшихъ ссудахъ. Недавняя попытка самодержавнаго правительства занять, по старому, у Франціи не удалась: съ одной стороны, капиталъ уже не вѣритъ самодержавію; съ другой стороны, боясь революціи, капиталъ хочетъ оказать давленіе на самодержавіе въ цѣляхъ заключенія мира съ Японіей и мира съ либеральной русской буржуазіей.

Европейскій капиталъ спекулируетъ на миръ. Буржуазія не только въ Россіи, но и въ Европѣ начала понимать связь войны съ революціей, начала бояться дѣйствительно народнаго и побѣдоноснаго движенія противъ царизма. Буржуазія хочетъ сохранить „общественный порядокъ", основанный на эксплуатаціи общества, отъ чрезмѣрныхъ потрясеній, хочетъ сохранить русскую монархію въ видѣ конституціонной, или якобы-конституціонной, монархіи, и поэтому буржуазія спекулируетъ на миръ въ интересахъ противопролетарскихъ и антиреволюціонныхъ. Этотъ несомнѣнный фактъ наглядно показываетъ намъ, какъ даже такой „простой" и ясный вопросъ, какъ вопросъ о войнѣ и мирѣ, не можетъ быть правильно поставленъ, если упускается изъ виду классовой антагонизмъ современнаго общества, если упускается изъ виду, что буржуазія при всѣхъ и всякихъ ея выступленіяхъ, какъ бы демократичны и гуманитарны они ни казались, оберегаетъ прежде всего и больше всего интересы своего класса, интересы „соціальнаго мира",

лотой запасъ есть колоссальный Эмберовъ шкафъ, пресловутые милліоны въ которомъ служили жертвамъ обмана и служатъ для дальнѣйшаго ихъ обманыванія.

Хитро, неправда-ли? Намѣтить себѣ жертву для обмана, занять у нея деньги. Затѣмъ эти же деньги показывать ей же, какъ доказательство богатства, и добывать отъ нея же новые займы!

Сравненіе съ извѣстной мошенническою семьей Эмберовъ было до того мѣтко и такъ пригвоздило къ позорному столбу „суть" и смыслъ знаменитой „свободной наличности", что статья солидной консервативной газеты надѣлала шуму. Самъ министръ финансовъ Коковцевъ послалъ телеграмму въ *Таймсъ*, которую эта газета тотчасъ и напечатала (23/10 марта). Обиженный Коковцевъ приглашалъ въ этой телеграммѣ редакцію *Таймса* пріѣхать въ Питеръ и провѣрить лично размѣръ золотого запаса. Редакція отвѣтила благодарностью за любезное приглашеніе и отказомъ на томъ простомъ основаніи, что обидѣвшая царскаго слугу статья нисколько не отрицаетъ, что золотой запасъ имѣется на лицо. Сравненіе съ Эмберами означало не то, что у Россіи нѣтъ золотого запаса, на который она ссылается, а то, что этотъ запасъ есть въ сущности чужія, занятыя и ничѣмъ не обезпеченныя деньги, которыя нисколько не говорятъ о богатствѣ Россіи и на которыя ссылаться при дальнѣйшихъ займахъ смѣшно!

Г. Коковцевъ не понялъ само остроумнаго и злого сравненія и насмѣшилъ своей телеграммой весь міръ. Провѣрять запасы золота въ банкахъ не входитъ въ обязанности журналистовъ, — отвѣчалъ *Таймсъ* министру финансовъ. И въ самомъ дѣлѣ, обязанностью печати было раскрыть суть продѣлки, совершаемой при помощи этихъ реально-существующихъ, но фиктивно выставляемыхъ въ доказательство богатства страны „золотыхъ запасовъ". Не въ томъ вопросъ, — поучала русскаго министра газета въ статьѣ по поводу этой комической телеграммы, — не въ томъ вопросъ, есть у васъ этотъ золотой запасъ или нѣтъ? Мы вѣримъ, что есть. Вопросъ въ томъ, каковъ вашъ активъ и пассивъ? — каковы сумма вашихъ долговъ и обезпеченія ихъ? — или, говоря проще, вашъ ли этотъ у васъ лежащій запасъ или занятый въ долгъ и подлежащій возврату, причемъ вернуть-то вамъ всего долга не изъ чего? И англійскіе буржуа, высмѣивая слупенькаго министра, разжевывали ему на всѣ лады эту не богъ вѣсть какую хитрую штуку, добавляя поучительно: если вы ищете кого нибудь для провѣрки вашего кредита и дебета, то почему бы вамъ не обратиться къ представителямъ русскаго народа? Представители народа какъ разъ хотятъ теперь собраться въ земскій соборъ или національное собраніе, — какъ оно у васъ тамъ называется,

давая абсолютно ничего положительнаго, оставляя все, рѣшительно все въ Россіи по-старому, начиная отъ посылки войскъ противъ стачечниковъ, продолжая арестами неблагонадежныхъ лицъ и репрессіями печати, кончая подлымъ натравливаніемъ крестьянъ на интеллигентовъ и звѣрской поркой возставшихъ крестьянъ. А эсеры идутъ на улицу, нѣкоторые начинаютъ уже вѣрить Булыгину, и г. Кузьминъ-Караваевъ въ юридическомъ обществѣ убѣждаетъ либеральное общество пожертвовать всеобщимъ избирательнымъ правомъ ради... ради... ради прекрасныхъ глазъ г. Булыгина!

Международному союзу умѣренной консервативной буржуазіи можетъ противостоять только одна сила: международный союзъ революціоннаго пролетаріата. Этотъ союзъ образовался уже вполнѣ въ смыслѣ политической солидарности. Что же касается практической стороны дѣла и революціоннаго почина, то въ этомъ отношеніи все зависитъ отъ рабочаго класса Россіи и успѣха его совмѣстнаго демократическаго выступленія на рѣшительный бой вмѣстѣ съ милліонами городской и деревенской бѣдноты.

Либеральные принципы и реакціонныя замашки.

Могучее движеніе пролетаріата, заставившее правительство пойти навстрѣчу рабочимъ съ обильными обѣщаніями экономическихъ реформъ, всполошило заинтересованные круги предпринимателей, предпочитающихъ успокоить возставшій народъ политическими уступками или, по крайней мѣрѣ, такими экономическими преобразованіями, расходы на которыя падутъ не на ихъ карманъ. Фабриканты заговорили. Вотъ одинъ изъ образчиковъ ихъ прожектерства, который мы печатаемъ полностью въ виду несомнѣннаго его интереса.

Памятная записка

Предсѣдателя С.-Петербургскаго Общества для содѣйствія улучшенію и развитію фабрично-заводской промышленности С. И. Глезмера.

I. Въ 1893 году желаніе создать Общество для взаимнаго страхованія рабочихъ отъ несчастныхъ случаевъ впервые объединило петербургскихъ фабрикантовъ и заводчиковъ, и тогда они уже высказались въ принципѣ: 1) за Государственное страхованіе; 2) за участіе рабочихъ взносами и въ управленіи.

II. За все время существованія, Общество руководилось въ отношеніи къ рабочему вопросу слѣдующими принципами: 1) Не должно выдѣлять фабрично-заводскихъ рабочихъ изъ общей массы

אָפּגענוצט, עס האט אָבער געקלעקט אַף אויסצוזעצן 4 זייטלעך „ופּעריאָד" און אויסער דעם א בראשור פון 32 זייטלעך. ווי גרויס איז געווען אילימשס פרייד, ווען עס האט זיך אים איינגע־געבן ארייַנצושטעלן איבעריקע 200־300 שורעס.

ווי אזוי מיר האבן מיטן וועג פאַרלאָרן די פערטע זייט פון דער צייטונג „ופּעריאָד"

עס האבן קוים באַוויזן אַרויסצוגיין עטלעכע נומערן „ופּעריאָד", ווי עס איז פאָרגעקומען אַן עמעסע קאַטאַסטראָפע.

די כאַווײרים וולאדימיר איליטש און באָנטש־ברויעוויטש האבן מיך געבעטן זיך צואייַלן מיטן ארויסלאָזן דעם אָרדנטלעכן נומער, ווייל צוויי כאַווײרים פאָרן אָפּ קיין רוסלאַנד, און זיי מוזן אומבאַדינגט מיטנעמען מיט זיך דעם לעצטן נומער „ופּעריאָד".

איך געדענק עס ווי איצט, אז אין אַ מעשעך פון דריי טעג האבן מיר זיך ניט אויסגעטאָן און האבן צו דער צייט פארענדיקט דעם נומער.

נאָר . . .

ווי איך האב שוין פריער דערמאָנט, איז אונדזער דרוקערייַ געווען ענלעך צו אונטערערדישע דרוקערייען. מיר האבן געהאט בלויז דעם שריפט, און דרוקן פלעגן מיר אין דער פראַנצויזישער דרוקערייַ.

נאָך דער „וויאָרסטקע" פון יעדן זייטל פלעגן מיר עס אראָפּ־לאָזן אַף א באַזונדער ברעטל, וואָס האָט זיך פאַרשלאָסן מיט א לייסטל, און אַזוי האב איך געוויאָרסטעוועט דעם גאַנצן נומער. ווען איך האב געענדיקט די גאַנצע צייטונג, פלעגן מיר זי אָפּפירן אַף א וועגעלע אין דער פראַנצויזישער דרוקערייַ.

אַזוי ווי דער נומער איז געווען זייער אַן עקסטרער, האב איך געבעטן דעם כ' באָנטש־ברויעוויטש, וואָס האט דעמאָלט פאַר־

וואַלטעט מיט דער עקספּעדיציע, ער זאָל מיר העלפֿן אַוועקפירן אפן וועגעלע די אויסגעזעצטע צייטונג און דערמיט איינשפּאָרן א פראַנק.

דער כאַוועד באַנטש־ברויעוויטש איז זייער קורצזיכטיק. ער האָט ניט באַמערקט ווי אפ איינעם פון די ברעטלעך איז אַרויס אַ לײַסטל. דאָס זייטל האט זיך א רוק געטאָן פונעם אָרט, פונעם טרייסלען. האט זיך עס אנגעהויבן אויסשיטן. ביז מיר זיינען דערפאָרן צו דער דרוקעריי, האבן מיר איבער דער גאַנצער גאַס פאַרזייט שריפט: אַ העלפט פון דעם 4־טן זייטל האט געפעלט.

איך כאַזער איבער, דאָס איז געווען אַן עמעס אומגליק: אין דרוקעריי איז ניט געווען קיין איבעריקער זאַס. מיר האבן געמוזט גיין איבער דער גאַנצער גאַס און צונויפנעמען די באַזונדערע אויסיעס.

אונדז האט זיך איינגעגעבן אין דער דרוקעריי פון „בונד" צו אנטלייען א האלבן זייטל שריפט. בא זיי איז געווען פונקט דער־זעלבער שריפט, און דאָס האט געראַטעוועט די לאַגע: דאָס צע־שאָטן זייטל האבן מיר אויסגעזעצט פונסניי, געבראַכט עס אין דרוקעריי, און סאַפּקאָלסאָפּ האט דערדאַזיקער נומער „וופּעריאָד" דערזען די ליכטיקע שיין.

דאָס הויז אין קאַלינ־געסל (באַם טייך אַרוואַ)

אינעם דאָזיקן געסל איז סאַכאַקל געווען איין זעקסשטאָקיק הויז. דער פּאַסאַד פונעם הויז איז געווען געווענדט צום באַרג סאַליעוואַ און צום טייכל אַרוואַ, די לינקע זייט איז ארויסגעגאַן אפ דער גאַס קאַראָוזש לעבן אונדזער דרוקעריי, און די רעכטע זייט האט געקוקט גלייך צום באַרג מאָנבלאַן. אין אַ שיינעם דרויסן האט מען אויסגעצייכנט געזען דעם שפּיץ באַרג.

אין דעם הויז האט געווינט קאַמאַט די גאַנצע זשענעווער גרופּע באַלשוויקעס אויסער דעם כאַווער לענין.


זשענעווער
גרופּע באָלשעוויקעס
„1904-1905"

אפנ ערשטנ שטאָק האט געווינט אונדזער אומפּאַרגעסלעכער אייזנפּעסטער כאַווער, וואַצלאַוו וואַצלאַוואָוויטש וואָראָווסקי (שוואַרצ אָרלאָווסקי) מיט זיינ פרוי אונ קינד.

בא וואראווסקינ אינדערהיימ איז מיר אויסגעקומענ צו זיינ גאַנצ אָפט, ווייל ער איז געווענ איינער פונ די רעדאַקטערס פונ אונדזער באָלשעוויסטישנ אָרגאַנ, אונ זייער אָפט פלעג איכ באַ אימ באַקומענ קסאַוויאַדנ צומ זעצנ.

אפנ זעלבנ שטאָק האט אויכ געווינט דער כאַווער וואָינאָוו (א. וו. לונאַטשאַרסקי) מיט זיינ פרוי, אונ ניט איינמאָל איז מיר אויסגעקומענ צו דערקוטשענ אימ איבער זיינ שלעכטער האַנטשריפט, אָפטמאָל האט ער אַליינ ניט געקאָנט איבערלייענענ עטלעכע שורעס פונ זיינעמ אנ אַרטיקל. מע מוז זאָגנ, אַז די זעצערס האבנ ניט איינמאָל „געשוויצט" איבער זיינ האנטשריפט. לעבנ דעמ כאַווער לונאַטשאַרסקי האט געווינט דער כאַווער וולאַדימיר דמיטריעוויטש — באָנטש - ברויעוויטש מיט זיינ פרוי ווערא מיכיי־לאָוונאַ וועליטשקינאַ.

אפנ צווייטנ שטאָק פונעמ הויז האט זיכ געפונענ אונדזערע עקספּעדיציע. אינ איינעמ פונ די צימערנ האט דאָרט געווינט דער כאַווער מאַנדעלשטאַמ מ. מ. מיט זיינ פרוי.

די צווייטע טיר פונ ליאדאָוונ האט געווינט דער מעכאַבער פונעמ דאָזיקנ ביכל מיט א קראַנקער פרוי אונ א קינד. ניט איינ־מאָל האב איכ דערקוטשעט די כאַווערטע וועליטשקינא: זי איז אָפט אַרומגעגאַנגענ אַרומ מיינ קראַנקער פרוי, אונ זייער אָפט פלעג זי צונעמענ צו זיכ מיינ מיידעלע.

איינציייטיק האט דאָ געווינט מ. אלמינסקי (גאַליאָרקאַ, וואַסיל וואַסיליוויטש). אפנ זעלביקנ שטאָק אינ איינעמ פונ די צימערנ פלעגט זיכ צונויפקומענ די רעדקאָלעגיע, אונ מיר, ווי אַ זעצער אונ מעטראַנפּאַזש, איז גאַנצ אָפט אויסגעקומענ צו גיינ אַהינ נאָכ אָריגינאַלנ.

מיט איין וואָרט, אויסער אייניקע כאַוויירים האט די גאַנצע זשענעווער גרופּע באָלשעוויקעס געווינט אין דעמדראָזיקן הויז.

דער באָלשעוויסטישער רעסטאָראַן

אין 1904/1905 ־טן יאָר זיינען אין זשענעווע געווען צוויי עמיגראַנטישע רעסטאָראַנען. אהין פלעגן זיך צונויפקומען ניט נאָר די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, נאָר אַלע עמיגראַנטן קאַמאַט.

נאָר ווען די פּאַרטיי־סיכסוכים זיינען דערגאַנגען צום העכסטן גראַד, האָבן זיך די סאָציאַל־דעמאָקראַטן צעטיילט.

אַלע מענשעוויקעס האבן געגעסן בײַ סטוטשעווסקען, און די באָלשעוויקעס בײַ אָלינען (פּ. נ. לעפּעשינסקי). ער האט טאַקע אַזוי געהייסן: דער „באָלשעוויסטישער רעסטאָראַן".

דאָרט האָט מען געקאָנט טרעפן איליטשן בײַם שאָך־ברעטל מיט לעפּעשינסקן.

דער רעסטאָראַן האט זיך געפונען נעבן אונדזער דרוקעריי. פאַר אונדז איז דאָס געווען זייער באַקוועם, ווייל גאַנץ אָפט, ווען מיר האבן קיין געלט ניט געהאַט, פלעגן מיר גיין אין רע־סטאָראַן, און כ־טע אָלגע באָריסאָווגע לעפּעשינסקאַיאַ פלעגט אונדז שוין אומבאדינגט אָנהאָדעווען אפ קרעדיט מיט איר זעל־טענעם רוסישן באָרשטש.

ערעוו דעם באָלשעוויסטישן צוזאַמענפאָר אין לאָנדאָן

איך וועל איצטער דערציילן וועגן דער צוגרייט־אַרבעט צום ערשטן באָלשעוויסטישע צוזאַמענפאָר. (פאָרמעל רעכנט מען דעם צוזאַמענפאָר פאַרן דריטן) * דער באָלשעוויסטישער דרוק־אַפּאַראַט,

* דער דריטער צוזאַמענפאָר פון ר.ס.ד.אַ.פּ., וואָס האט פאָרגעשטעלט די באָל־שעוויסטישע ריכטונג, איז פאָרגעקומען אין מיי 1905 ־טן יאָר אין לאָנדאָן. די מענשעוויקעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אן אָנטייל אין אים און האבן איינ־געאָרדנט זייערע אַ „קאָנפערענץ" אין זשענעווע.

כאָטש ער איז געווענ זייער א קליינינקער, האט דאָכ געאַרבעט מיט גרויס אינטענסיווקייט. די אַרבעט האָט געקאָכט באַטאָג אונ באַנאַכט.

וולאַדימיר איליטש איז קאַמאַט יעדנ טאָג געקומענ אינ דרוקעריי.

ציטונגענ, בראָשורנ, בלעטלעכ, אופרופנ — אַלצ האט מענ געזעצט זייער שנעל.

דער צוזאַמענפאָר איז צונויפגערופנ געוואָרנ אינ מײַ 1905־טנ יאָר אינ לאָנדאָנ.

די מענשעוויקעס האבנ מיט קאַעס אומעטום פארשפרייט קלאַנגענ וועג דעמ „אומגעזעצלעכנ” צוזאַמענפאָר פונ די „פאַרשווערערס” (באָלשעוויקעס).

מאַרטאָוו האט אינ איינעמ פונ זיינע אַרטיקלענ אַפ די שפאַלטנ פונ „איסקרא” אויסגעזידלט די „וופעריאָדישע” זעצערס, כויזעק מאַכנדיק פונ די אַרבעטער, וואָס זעצנ אַזאַ ליטעראַטור, ווי לענינס.

ווענ מאַרטאָוו פלעגט הערנ אַ באָלשעוויסטישנ פאָרטראָג, פלעגט ער מאַמעש ווערנ ווילד.

עפעס איינמאָל, ערעוו דעמ דריטנ צוזאַמענפאָר, האט מענ באַ האנדווערקנ אינ גרויסנ זאל איינגעאָרדנט א פאָרטראַג. די טעמע געדענק איכ איצט נישט. דער כאַווער לונאַטשאַרסקי איז געווענ דער רעפערענט. אינעמ גרויסנ זאל האבנ זיכ צונויפגעזאַמלט אַ מענטשנ 300. אינ זשענעווע איז געווענ אַסאַכ ווייניקער באָלשעוויקעס, איידער מענשעוויקעס: קאַמאַט אַלע זשענעווער קורסיסטקעס אונ סטודענטנ האבנ „מיטגעפילט” די מענשעוויקעס.

פלוצימ מע ווייסט ניט פונוואַנענ, האט זיכ אַרייַנגעריסנ א האמוינ פונ 400־300 מענטשנ, אונטער מאַרטאָווס אָנפירונג.

אינ זשענעווע איז געווענ אַזאַ טראַדיציע, אז אַפ יעדנ פאָרטראָג פלעגנ אַלע גרופעס אונ שאַטירונגענ שטעלנ זייערע טישלעכ אונ פאַרקויפנ זייער ליטעראַטור.

און אָט, ווען דער האמויג איז אַרייַן, האט מען באַוווסטזיניק, אָדער אומבאַוווסטזיניק איבערגעקערט דאָס טישל מיט דער ליטע־ראַטור פון די סאָציאַל־רעוואָליוציאָנערן.

עס איז ,טייקעפ געשאַפן געוואָרן א זעלטענע געלעגנהייט פאַר א סקאַנדאַל, דעריקער פאַר אַרונטערייסן דעם פארטראָג.

אַ יונגערמאן אין א סטודענטישער פאָרמע האט זיך א וואָרפ געטאָן אפן ערשטן, וואָס איז אים געקומען אונטער דער האנט נעבן זיין איבערגעקערט טישל מיט ליטעראַטור און האט אים אָנגערופן „פאָגראָממשטשיק"

עס האט זיך גיך איינגעגעבן איינצושטילן די [אומגעבעטענע „געסט", און דער כאַווער לונאַטשארסקי, א שטאַרק בלייכער, האט זיך געפרווט ווייטער האלטן זיין פארטראָג.

פלוצים איז מאַרטאָוו ארופגעשפרונגען אפן טיש און האט אָנגערופן דעם פרעזידיום פון דער פאַרזאַמלונג „זשאַנדאַרמען".

דאָס איז געווען גענוג, עס זאָל זיך ווידער אופהויבן א היפשער סקאַנדאַל. באַלד נאָכ מאַרטאָוון זיינען זיינע אָנהענגער, נאָכטוענדיק דעם לערער, אַלע אַרופ אפ די טישן, אפ די פענצטער און בענק.

דער ראַאַש און די געשרייען זיינען געווען אויסערגעוויינ־טלעכע — אן עמעסער סקאַנדאַל.

מאַרטאָוו און די קאָמפּאַניע האָבן גערעוועט ביז כאַלאָשעס־פאַלן אין איין זייט זאַל, און דער כאַווער לונאַטשאַרסקי האט געפרווט ווייטער האלטן זיין פארטראָג אין אַ צווייטער זייט זאַל.

דער באַלעבאָס פון זאַל האט זיך געוואָלט באַפרייען פון אַזוינע רעפערענטן, האָט ער אויסגעלאָשן די שיין, און אין דער פינ־צטער האט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ געשלעג.

איך בין אַרומגעגאַנגען איבערן זאַל און האב פאַרקויפט די ציַיטונג „ווּפעריאָד".

אַז עס איז פאַרלאָשן געוואָרן די שיין, האט עמיצער געפרווט אַוועקשלעפן די ציַיטונגען בא מיר.

דער סאָפ איז געווענ, אַז באַ מיר אונ באַ דעמ עקספּראָפּריאַטער איז גערונענ בלוט פונ נאָז.

פלוצימ האט מאַרטאָוו אַ געשריי געטאָנ:

„אָרנטלעכע מאַרקסיסטנ, נאָכ מיר! אַלע מענשעוויקעס האָבנ זיכ אַ לאָז געטאָנ אפ דער גאַס.

נאָכ זייער אַוועקגייענ האט דער באַלעבאָס ווידער געגעבנ שיינ, אונ דער כאַווער לונאַטשאַרסקי האט געקאַנט פאַרענדיקנ זיינ פאָרטראַג.

נאָכנ „היסטאָרישנ" פאָרטראַג, אַפנ צווייטנ אפדערנאַכט, בינ איכ אריינגעגאַנגענ צו לאַנדאָלטנ אינ קאַפע, וואָס האט זיכ געפונענ נעבנ דעמ הויז, ווו פלעכאַנאָוו האט געוווינט.

צופעליק האב איכ זיכ געזעצט בא איינ טישל מיט מאַרטאָוונ. דער געשפרעכ אונדזערער האט געטראָגנ זייער אנ אָנגעשטרענגטנ כאַראַקטער. איכ האב געזאָגט, אַז עס איז גרינגער צו זידלענ די וופעריאָדישע זעצערס, איידער דעמ כאַווער לענינ אונ האב באַלד טאַקע צוגעגעבנ, אַז דער כאַווער לענינ וועט זיינע זעצערס ניט לאָזנ באַליידיקנ.

כאַווער לענינס פאָרטראַג נאָכנ באָלשעוויסטשנ צוזאַמענפאָר

אינ עטלעכע טעג אַרומ נאָכנ ערשטנ באָלשעוויסטישנ צוזאַמענפאָר איז געווענ אָנגעמערקט א רעפעראַט אפ דער טעמע: „די אַרבעט־סאַכאַקלענ פונעמ 3־טנ צוזאַמענפאָר". דער פאָרטראָגער איז געווענ דער כאַווער לענינ.

פאַרנ רעפעראַט איז שוינ געווענ באַוווסט, אַז די מענשעוויקעס קלייבנ זיכ אימ אַראָפצורייסנ. מע האט אנגענומענ אַלע מיטלענ ניט צומ דערלאָזנ אַזאַ זאַכ.

נאָכ מיט צוויי שאָ פריער, איידער דער כאַווער לענינ איז געקומענ, איז שוינ דער זאַל געווענ איבערפולט. קאַמאַט די גאַנצע זשענעווער קאָלאָניע איז געקומענ הערנ וולאַדימיר איליטשנ.

בלויז אינ אָנהויב פונ דער פאַרזאַמלונג האט מאַרטאָוו געפּרוווט אופהויבנ א שטיקל סקאַנדאַל, נאָר עס האט זיכ איינגעגעבנ אימ טייקעפּ „איינצושטילנ”. אינ זאַל איז געוואָרנ אבסאָליוט שטיל.

דעמ כאַוועד לענינס פּאָרטראַג האט געדויערט באַ 2 שאָ.

דעמ פּאָרטרעגער האט מענ געהערט מיט א באַזונדער אופמערקזאַמקייט.

מע דאַרפ אָנמערקנ, אז פונ אַלע פירערס אינ יענער צייט האט מענ זיכ צו איליטשנ באַציגנ מיט א באַזונדער אַכטונג.

נאָכ דעמאָלט האט מענ שוינ גערעדט, אַז דער כאַוועד לענינ איז דער עמעסער פּראָלעטאַרישער פירער.

נאָכנ פּאָרטראַג האבנ זיכ פאַרשריבנ צומ וואָרט אַסאַכ מענשעוויקעס, אָבער אַלע ניט פונ די אָנגעזעענע.

זיי האבנ זיכ פאַרשריבנ ספּעציעל צוליב דעמ, קעדיי אָפּצוטרעטנ זייער צייט מאַרטאָוונ.

נאָכדעמ, ווי דער פּאָרזיצער פונ דער פאַרזאַמלונג (איצט געדענק איכ אַפילע ניט זיינ נאָמענ, נאָר דאַכט זיכ, אַז עס איז געווענ ליאַדאָוו) האט איבערגעליינעט דאס צעטל פאַרשריבענע, האבנ אַלע מענשעוויקעס איינער נאָכ צווייטנ געמאָלדנ, אַז „זייער צייט טרעטנ זיי אָפּ מאַרטאָוונ”. דערנאָכ האט מענ געגעבנ דאָס וואָרט מאַרטאָווג.

אַ לאַנגע צייט האָט מאַרטאָוו ניט געוואָלט ארופגיינ אפ דער טריבונע אונ האט אָנגעהויבנ צו אָפּאָנירנ דעמ כאַוועד לענינ פונעמ אָרט. נאָר דער אוילעמ אינ זאַל האט אָנגעהויבנ פאָדערנ, ער זאָל אַרופגיינ אפ דער טריבונע. מע מוז זאָגנ, אַז מאַרטאָוו איז געווענ זייער א גודנער רעדנער, אונ ביפראַט, ווענ ער איז נאָכ געווענ נערוועז, האט מענ אימ קוימ־קוימ פאַרשטאַנענ. דערפאַר האט מענ געפאָדערט, ער זאָל ארופגיינ אפ דער טריבונע.

עס זיינענ אויכ געווענ אזוינע „ליבהאבערס”, וואָס האבנ פּאָשעט געוואָלט זענ, ווי אַזוי מאַרטאָוו וועט שטיינ נעבנ דעמ כאַוועד לענינ.

סאָפּקאָלסאָפּ האט זיכ אײנגעגעבנ אימ צו צווינגענ זיכ אופּ־הויבנ אפּ דער טריבונע.

מע האט געדאַרפט זענ אונדזער אילײטשנ אינ דעמ מאָמענט, ווענ מאַרטאָוו האט זיכ געלאָזט גײ צו דער טריבונע.

דער כאַוועראָ לענינ מיט זײנ שמײכל אונ גלאַנצנדיקע אויגנ האט פּאָשעט עלעקטריזירט דעמ אוילעמ.

מאַרטאָוו האָט זיכ אופּגעהויבנ אפּ דער טריבונע אונ האט געפּרוווט זיכ שטעלנ מיטנ רוקנ צומ כאַווער לענינ, נאָר דאָס האט ארויסגערופנ א געלעכטער באַמ אוילעמ. ער האָט אָנגעהויבנ באַווײזנ, אַז דער דריטער צוזאַמענפאָר איז געווענ אנ „אומגע־זעצלעכער“, ווײל לויט זײנ כעשבנ איז ניט געווענ קײנ קוואָרומ.

ביקלאַל איז מאַרטאָוו דעמ אפּדערנאַכט געווענ שטאַרק נערוועז אונ האט ניט שטענדיק גערעדט צו דער זאַכ. אפּילע זײנע „כסי־דימ“ זײנענ געבליבנ שטאַרק אומצופרידנ.

די מענשעוויקעס האבנ געפּרוווט נאָכ מאַרטאָוונ אַרויסלאָזנ דאַנענ אפּ דער טריבונע, נאָר עס האָט זיכ זײ ניט אײנגעגעבנ.

דער כאַווער לענינ האט אינ זײנ שלוס־וואָרט, וואָס האט געדויערט ניט מער ווי פינפּ מינוט, מיט ציפערנ אינ די הענט דערוויזנ מאַרטאָווס פאַלשע כעשבוינעס.

די צײטונג „פּראָלעטארי“

נאָכנ 3־טנ צוזאַמענפאָר פונעמ 1־טנ מײ אָנ האָט די צײטונג „וופּעריאָד“ אָפּגעטראָטנ איר אָרט אַ נײעמ צענטראַלנ אָרגאַנ פונ דער פּאַרטײ „פּראָלעטאַרי“ *.

* פּראָלעטאַרי“ איז געשאַפנ געוואָרנ לויט אַזא באַשטימונג פונעמ 3־טנ צוזאַ־צוזאַמענפאָר. בעמענדיק אינ אַכט:

1) אז די רעדקאָלעגיע „איסקראַ“ איז ניט געקומענ אַפנ צוזאמענפאָר אונ האָט ניט אָנגענומענ קײנ מיטלענ צו קאָנטאַקטירנ איר ווײטערדיקע טעטיקײט מיט די באַשלוסנ אונ דירעקטיווג פונעמ 3־טנ פּאַרטײ־צוזאַמענפאָר;

ווענ מיר זיינענ צוגעטראָטנ אַרויסצולאָזנ די צייטונג „פּראָלעטאַרי”, איז אינ זשענעווע ניט געווענ קיינ גרויסער שריפט אפ אויסצוזעצנ דאָס קעפּל פונ דער צייטונג.

איכ האב געבעטנ אייניקע כאַווײרימ, זיי זאָלנ מיר אָנמאָלנ דאָס קעפּל.

דעמזעלבנ טאָג האב איכ באַקומענ פונ פאַרשיידענע כאַווײרימ עטלעכע געמעלנ.

די אַלע געמעלנ האב איכ געוויזנ דעמ כאַווער באָנטש-ברויעוויטש, נאָר ווענ איכ האב אָפּגעקליבנ אייִנעמ פונ זיי, איז צווישנ מיר אונ באָנטש-ברויעוויטשנ פאָרגעקומענ גרויסע כעלוקע-דייעס.

דאנ האב איכ פאָרגעלייגט דעמ כאַווער באָנטש-ברויעוויטש מעיִאשעוו זיינ זיכ מיטנ כאַווער לענינ.

מיר האָבנ אימ געוויזנ אַלע געמעלנ, אונ דער כאַווער לענינ האט אָנגעמערקט דעמ כאַווער לונאַטשאַרסקיס געמעל.

אינ שפּיצ פונ דער צייטונג „פּראָלעטאַרי” איז געשטאַנענ כ' לענינ. אַלס רעדאַקטערס פונ דער צייטונג „פּראָלעטאַרי” זיינענ אויכ געווענ די כאַווײרימ וו. וו. וואָראָרסקי, וואָיִנאָוו אונ גאַליאָרקא.

ערעוו דער רעוואָליוציע פונ 1905-טנ יאָר

איידער דער כאַווער לענינ אונ אַנדערע כאַווײרימ זיינענ אָפּגעפאָרנ קיינ רוסלאַנד, האט וולאַדימיר איליטש געהאט מיט מיר

2) אַז די טעטיקייט פונ דער רעדקאָלעגיע אינ דער נייער „איסקראַ” גיט לאַבלוטנ ניט קיינ גאַראַנטיע, אַז עס וועלנ אפ ווייטער ריכטיק פאַרענטפערט ווערנ די טאַקטישע פראַגעס, — באַשטימט דער 3-טער צוזאַמענפאָר ר. ס. ד. א. פּ., אַז די צייטונג „איסקראַ” ווערט אויס צענטראַלער אָרגאַנ פונ דער פאַרטיי אונ גיט איבער דעמ צענטראַל-קאָמיטעט צו שאַפנ אַ נייעמ אָרגאַנ לויטנ סטאַטוט פונ דער פאַרטיי מיטנ נאָמענ „פּראָלעטאַרי”.

LE PROLÉTAIRE

Prix 30 cts

ЖЕНЕВА. 9 августа (27 іюля) 1905 года

№ 11.

Пролетарій

Пролетаріи всѣхъ странъ, соединяйтесь!

Центральный Органъ Россійской Соціальдемократической Рабочей Партіи.

Буржуазія и монархія.

Зависимость между господствомъ опредѣленнаго общественнаго класса и политической формой этого господства принято у насъ обыкновенно выражать въ видѣ схемы: феодальная аристократія—абсолютная монархія, буржуазія—демократическая республика, пролетаріатъ—соціалистическій строй. Эта схема, совершенно вѣрно характеризующая общія тенденціи крупныхъ историческихъ періодовъ, оказывается, именно благодаря своему крупному масштабу,—недостаточной, когда приходится изслѣдовать отдѣльныя стадіи въ развитіи этихъ крупныхъ періодовъ. Здѣсь, какъ и во всемъ, подтверждается общее правило всякаго изслѣдованія: правильная методологическая схема не исключаетъ, напротивъ, требуетъ детальнаго изученія конкретной дѣйствительности. И первымъ шагомъ къ правильному примѣненію данной схемы должно быть выясненіе вопроса, что же такое сама эта схема? представляетъ ли она какую то сверхопытную истину, роковымъ образомъ связывая опредѣленныя политическія формы съ опредѣленными общественными классами, независимо отъ условій времени и мѣста?

Всякій государственный строй является политической формой, болѣе всего и лучше всего приспособленной для осуществленія интересовъ господствующихъ общественныхъ силъ. Такъ, напримѣръ, абсолютная монархія вовсе не являлась предрѣшенной свыше формой выраженія политическихъ интересовъ феодализма. Мало того, она вообще не была наилучшей формой выраженія этихъ интересовъ. Феодализмъ создалъ въ свое время свою форму господства—феодальную монархію, ограниченную сословными сеймами, нерѣдко даже выборную. Но феодальный монархъ, являвшійся самымъ крупнымъ феодаломъ—первымъ среди равныхъ—естественно старался упрочить, расширить и увѣковѣчить свою власть. Началась продолжительная борьба между королемъ и феодалами. Борьба длилась вѣками, за это время экономическое развитіе разъѣдало старое общество. Прежнія романтическія вассальныя отношенія временъ рыцарства смѣнялись грубой неприкрашенной крѣпостнической эксплуатаціей. Росло и крѣпло третье сословіе. Землевладѣніе концентрировалось. Ряды феодаловъ рѣдѣли и росла ненависть къ нимъ другихъ сословій. Королевская власть обратилась за помощи городовъ—юной буржуазіи—и окончательно сломала власть феодаловъ. Но эта побѣда знаменовала собой переходъ власти изъ рукъ одной силы феодальнаго общества и понятіе было не связано на новый языкъ денежнаго обращенія когда б не окончательно расчищено поле для господства буржуазіи, тогда опять политическая власть выпала изъ рукъ класса. У кормила правленія стали отдѣльныя группы. Уже имперія Наполеона I, на долю которой выпало утвердить завоеванія буржуазіи и ликвидировать революцію,—была, если и не прямымъ господствомъ, то выраженіемъ господства одной группы—новообразовавшихся крестьянъ-собственниковъ. Но конечно въ обществѣ, основанномъ на власти денегъ, господство даже самаго многочисленнаго, но неорганизованнаго и въ денежномъ отношеніи менѣе всего вліятельнаго класса можетъ осуществиться только въ видѣ бонапартизма. Интересы группъ, господствующихъ на рынкѣ, экономически болѣе всего вліятельныхъ, рано или поздно должны пріити къ власти. И вотъ реставрація Бурбоновъ приводитъ къ власти группу земельныхъ хозяевъ. Отрыжки феодальныхъ королей, посаженные на французскій престолъ русскими и англійскими штыками, вынуждены были искать себѣ опоры въ „народѣ“. Напрасно искали они старыхъ, взлелѣянныхъ феодаловъ: они погибли подъ развалинами своихъ замковъ. Но зато нашлись ихъ дѣти—сельскіе хозяева, тѣ же буржуа, только торгующіе благородными дарами земли—хлѣбомъ, скотомъ, водкой, и эти каррикатуры феодаловъ охотно предложили свои услуги Бурбонамъ, съ тѣмъ, чтобы тѣ охраняли матеріальные интересы ихъ группы.

Монархія какъ сила, какъ сила моральная, т. е. опирающаяся на фикцію сверхклассовой позиціи, на фикцію представительства интересовъ всего народа,—какъ сила матеріальная, опирающаяся на лѣсъ штыковъ и на сложную бюрократическую паутину,—эта монархія начала теперь въ рукахъ буржуазіи играть ту роль дополнительной силы, какую она сыграла уже для феодаловъ, силы, необходимой для искусственнаго укрѣпленія господства мелкихъ группъ надъ своимъ же классомъ, надъ всѣмъ обществомъ. Отдѣльныя группы буржуазіи слишкомъ слабы матеріально, чтобы стоять у власти и открыто осуществлять свои интересы. Для этого имъ необходима фикція защиты интересовъ всего общества, а такая фикція немыслима при республиканской формѣ правленія, гдѣ обнажены всѣ классовые и групповые интересы; такую фикцію можетъ создать только власть „божьей милостью“. И такой властью является монархія. Насъ не должно поэтому удивлять, что другая группа буржуазіи—финансисты,—достигнувъ власти въ іюльской революціи, поспѣшила упрочить эту власть путемъ возведенія на тронъ Людовика Филиппа. И если бы классовая и групповая выступили бы открыто и учитывались по ихъ дѣйствительной силѣ,—при которой грубыя солдатскія руки не перетягивали бы искусственно чашки вѣсовъ на сторону кучки капиталистовъ. И такой формой правленія является демократическая республика. Пролетаріатъ не видитъ въ республикѣ какого то абсолютнаго блага, какой то совершенной формы правленія. Онъ знаетъ, что республика не уничтожитъ эксплуатаціи его капиталомъ, не искоренитъ бѣдности и нужды, онъ знаетъ, что и при республикѣ будетъ продолжаться ожесточенная борьба классовъ, будутъ литься потоки крови и слезъ. Но онъ борется за республику, ибо она означаетъ гибель одной враждебной силы—силы всегда реакціонной, всегда направленной противъ него. Онъ борется за республику, ибо она означаетъ уничтоженіе всякихъ прикрасъ и иллюзій, перенесеніе классовой борьбы на открытую арену. А открытая борьба всегда выгоднѣе всякому большинству, напротивъ, всякому меньшинству выгодны потемки и прикрытія, гдѣ трудно учесть силы противника. Поэтому въ интересахъ пролетаріата и демократіи вообще необходима республика, какъ болѣе прямой и открытый путь къ низверженію царства насилія и насилія, которое всегда создаетъ вокругъ себя господство крупной буржуазіи. Въ интересахъ же буржуазіи, ея господствующихъ группъ, видѣть въ монархіи своего защитника и покровителя, жандарма и палача, и современная монархія охотно беретъ на себя эту роль за приличное вознагражденіе.

Исторія повторяется и, какъ говорилъ Марксъ,—въ каррикатурной формѣ. Въ періодъ младенчества буржуазіи, на ея далекой родинѣ—Сѣверной Италіи—прежде поздиѣйшихъ государей, кондотьеры исполняли роль наемныхъ защитниковъ буржуазіи, въ разгарѣ ея господства потомки всесильныхъ нѣкогда и неограниченныхъ царей, предлагаютъ буржуазіи тѣ же услуги кондотьеровъ за опредѣленное годовое жалованье. Въ буржуазномъ обществѣ все продажно. Само это общество можетъ опирать свое господство лишь на наемную силу кондотьеровъ. И съ послѣднимъ кондотьеромъ рухнетъ и само это общество.

Первые шаги профессіональнаго движенія.

Грандіозное движеніе пролетаріата, продолжающееся вотъ уже болѣе полугода и увлекшее широкіе слои малосознательныхъ рабочихъ, естественно породило потребность закрѣпить это движеніе

אַ לענגערנ געשפּרעכ, ער האָט מיר אָנגעזאָגט, ווי אַזוי צו פֿאַרהיטנ אונדזער דרוקעריי, ווי אַזוי צו פֿאַרפּאַקנ אונדזער שריפֿט און ווי צו באַוואָרענענ אַלצ.

אינ פֿלוג איז דאָס, דאַכט זיכ, קלייניקייטנ, נאָר וולאַדימיר איליטש האָט יעדע זאַכ אַלייג באַזאָרגט. אונ פֿאַרנ אַוועקפֿאָרנ האָט ער באַפֿוילנ אָפּהיטנ יעדנ אָס, טאָמער וועט מענ נאָכ אימ דאַרפֿנ.

אונדזער דרוקעריי האָבנ מיר צונויפֿגעלייגט אינ קעלער פֿונ קוקלינס ביבליאָטעק, ווו דער כאַווער קאַרפּינסקי איז געווענ דער פֿערוואַלטער.

אינ נאָיאַבער 1905־טנ יאָר איז לענינ אונ אַנדערע כאַווײרימ אַוועקגעפֿאָרנ קיינ רוסלאַנד.

אַז איכ דערמאָנ זיכ דעמ ערשטנ פּעריאָד פֿונ מיינ אַרבעט מיטנ כאַווער לענינ, מוז איכ אָנמערקנ, אַז וואָס ס'איז שייעכ דעמ דרוקנ אונ פֿאַרשפּרייטנ אינ רוסלאַנד אומלעגאַלע ליטעראַטור, האָט קיינ אָרגאַניזאַציע פֿונ די, וואָס זיינענ דעמאָלט געווענ אינ אויסלאַנד, מיט די גרעסטע מיטלענ אַפֿילע — ניט אַרויסגעגעבנ אַזויפֿיל פֿאַרשיידענע ליטעראַטור, וויפֿל די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבנ פֿאַר יענעמ פּעריאָד.

דאָס אַלצ איז אָפּגעטאָנ געוואָרנ נאָר אַדאַנק דעמ, ווייל אינ שפּיצ פֿונ דער פּאַרטיי איז געשטאַנענ וולאַדימיר איליטש לענינ.

די צווייטע באַגעגעניש

די צווייטע באַגעגעניש מיינע מיט וולאַדימיר איליטשנ איז פֿאָרגעקומענ אינ זשענעווע, אינ סאָפּ 1907־טנ יאָר.

איכ געדענק עס, ווי איצט. גייענדיק אָפּ דער גאַס קאַרוזש האָב איכ באַגעגענט דעמ כאַווער קאָטליאַרענקאָ. ער האָט מיר געזאָגט, אַז לענינ איז געקומענ צופֿאָרנ, אונ ער בעט מיר טייקעפּ אַריינגיינ צו אימ.

איכ בינ אַהינ אַוועק.

באַגעגנט האט מיך לעניג זייער וואַרעם, דערציילט אַסאַך אינטערסאַנטס וועגן די אַלטע כאַווײרים, וואָס מיר האבן אײנײנעם מיט זיי געאַרבעט אין אויסלאַנד.

דאָ האט ער מיר באַקענט מיט דעם כאַוועד אינאָקענטי (דר־בראָווינסקי), וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַן אַרויסלאָזער *).

דער כאַוועד לעניג האט מיר געגעבן אַן אופגאַבע אין דער קורצסטער צייט צו אָרגאַניזירן אונדזער דרוקעריי, אזוי ווי זי איז געווען פריער. אין יענער צייט האט צווישן דער רוסישער עמיגראַציע געהערשט אַ שרעקלעכע געפאַלנקייט.

דעם כאַוועד לעניגס קומען האט אַרייַנגעטראָגן אַן אופלעבונג אין דער קאָלאָניע. נאָר דערדאָזיקער עמיגראַציע־פעריאָד איז שוין ניט געווען ענלעך צום ערשטן.

כאַוו. א. ב. סעמאַשקאָס אַרעסט אין זשענעווע

די יעדיע, אַז מע האט אַרעסטירט דעם כ. סעמאַשקאָ האט זיך זייער גיך פאַרשפרייט איבער דער עמיגראַנטישער קאָלאָניע. באַ אַסאַך כאַווײרים, וואָס סעמאַשקאָ פלעג זיך אָפט טרעפן מיט זיי, איז געפאַלן די שטימונג.

איך פלעג זיך מיט אים באַגעגענען קאַמאַט יעדן טאָג און האב אָפט געשמועסט מיט אים וועגן פאַרשיידענע איניאָנים. איך מוז

„ אינאָקענטי" — יאָסיפ פיאָדאָראָוויטש דובראָווינסקי, איז געווען אײנער פון די אָנגעזעענע באָלשעוויקעס. ער האט אָנגעהויבן זיין רעוואָליוציאָנערע טעטיקייט אין 1981־טן יאָר און ביזן טויט איז ער פאַרבליבן אַן עמעסער פראָפעסיאָנאַל־רעוואָליוציאָנער. דובראַווינסקי האט אנגעפירט מיט אַ ריי ס.־ד. קאָמיטעטן, צוויי מאָל (אַפן 3־טן און אפן פינפטן צוזאַמענפאָר) איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אין צענטראַל־קאָמיטעט. אין 1910־טן יאָר האט מען אים אין רוסלאַנד אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט קיין סיביר. אין 1913־טן יאָר האט ער געענדיקט מיט זעלבסטמאָרד (אַריינגעוואָרפן זיך אין טייך יעניסיי).

זאגנ, אז ער האט זיכ באזונדערס אויסגעטיילט אינ דער גאנצער עמיגראנטישער סוויווע. ניט נאר מיר, באלשעוויקעס, נאר די גאנצע עמיגראנטישע קאלאניע ביכלאל האט אימ זייער געאכטעט.

דער כ׳ סעמאשקא פלעג זיכ באזונדער הארציק באציענ צו אלע כאוויירימ. האט זיכ בא עמיצנ עפעס געטראפנ, אדער עס איז עמיצער פארשלאפט געווארנ, — פלעגט מענ זיכ פריער פונ אלצ ווענדנ צומ כאווער סעמאשקא.

ער איז לאכלוטנ ניט געווענ צוגעפאסט צו הונגער-לעבנ אינ דער עמיגראציע.

ניט איינמאל האט דער כ׳ וולאדימירסקי זיכ געטיילט מיט דער ארבעט, וואס ער פלעגט באקומענ, מיטנ כ׳ סעמאשקא.

כ׳ סעמאשקאס ארעסט האט אפ א שטיקל צייט פארהאלטנ דאס איינגאָרדענענ אונדזערע דרוקעריי.

איכ האב שוינ פריער דערמאנט, אז אונדזער שריפט איז געווענ צונויפגעלייגט אינ קעלער פונ קוקלינס ביבליאטעק (די באלשעוויסטישע ביבליאטעק), ווו דער כ׳ קארפינסקי איז געווענ פארוואלטער. נאכ כ׳ סעמאשקאס ארעסט האט די זשענעווער זשאנדארמעריע אנגעהויבנ נאכצושפירנ די ביבליאטעק. מע האט זיכ געמוזט אפזאגנ אפ א שטיקל צייט פונ אריבערפירנ דעמ שריפט, כאטש מיר האבנ שוינ באוויזנ צו געפינענ א געביידע פאר דער דרוקעריי, אפ דער קארוזש-גאס.

איז איינער פונ די פראנצויזישע דרוקערייענ, ווו איכ האב א שטיקל צייט געארבעט אלס מעטראנפאזש, זיינענ געווענ זאצ-מאשינעס אונ אויכ צוויי קאמפלעקטנ, שריפט 8 טער אונ 10-טער נומער.

איכ האב זיכ צונויפגערעדט מיטנ אייגנטימער פונ דער דרוקעריי אונ האב ארענדירט בא אימ איינ מאשינ...

צו ערשט האב איכ אונ דער זעצער ריסקינד זיכ אנגעהויבנ צו לערנענ זעצנ אפ דער מאשינ. אביסל זיינענ מיר באקאנט

Цѣна 40 сант.
PRIX 40 centimes.

Суббота 25/8 Октября 1910 г.

№ 17.

РОССІЙСКАЯ СОЦ.-ДЕМОКРАТИЧ. РАБОЧАЯ ПАРТІЯ. ПРОЛЕТАРІИ ВСѢХЪ СТРАНЪ, СОЕДИНЯЙТЕСЬ!

ЦЕНТРАЛЬНЫЙ ОРГАНЪ РОССІЙСКОЙ СОЦІАЛЬ-ДЕМОКРАТИЧЕСКОЙ РАБОЧЕЙ ПАРТІИ

СОЦІАЛЬДЕМОКРАТЪ

LE SOCIAL-DEMOCRATE

Organe Central du Parti Social-Démocrate Ouvrier en Russie

Этотъ номеръ посвященъ Международному Соціалистическому Конгрессу въ Копенгагенѣ

Международный соціалистическій съѣздъ въ Копенгагенѣ.

Максимъ Горькій говоритъ: «нужно, чтобы какъ звѣзды съ небѣ человѣку ясно были видимы огни всѣхъ надеждъ и желаній, неугасимо пылающіе на землѣ» («Городокъ Окуровъ»).

Это превосходно сказано. Само собой разумѣется, что, говоря о надеждахъ и желаніяхъ, неугасимо пылающихъ на землѣ, Горькій имѣетъ въ виду тѣ изъ нихъ, которыя выходятъ за предѣлы узкой области эгоизма и пріурочиваются къ поступательному движенію человѣчества. Прекрасныя слова нашего талантливаго писателя вспомнились мнѣ въ Копенгагенѣ. Прогрессивное значеніе освободительной борьбы пролетаріата бросается въ глаза каждому непредубѣжденному человѣку даже тамъ, гдѣ рѣчь идетъ о мелкихъ повседневныхъ нуждахъ и задачахъ этой борьбы. Но особенно яркимъ огнемъ вспыхиваютъ пріуроченные къ этой борьбѣ желанія въ тѣ дни, когда представители сознательныхъ рабочихъ собираются на свои международные съѣзды для того, чтобы подвести итогъ тѣмъ завоеваніямъ, которые уже совершены соединенными силами всемірнаго пролетаріата, и намѣтить тѣ, которыя еще стоятъ на очереди. Пролетаріатъ является теперь носителемъ человѣческаго прогресса, его съѣзды охотно обращаются со словомъ ободренія и сочувствія къ участникамъ всѣхъ тѣхъ общественныхъ теченій, которыя, находясь лишь въ болѣе или менѣе косвенной связи съ борьбой рабочаго класса, всетаки направляются противъ тѣхъ или другихъ видовъ угнетенія. Для примѣра укажу, кромѣ резолюціи о смертной казни, на принятыя же въ Копенгагенѣ резолюціи о Персіи, Финляндіи, Испаніи и о правѣ убѣжища. Марксъ и Энгельсъ писали въ «Манифестѣ коммунистической партіи»: коммунисты поддерживаютъ повсюду всякое революціонное движеніе противъ существующихъ общественныхъ и политическихъ отношеній». Точно такъ же поступаютъ и коммунисты нашихъ дней — международные соціалдемократы.

Говоря о международномъ копенгагенскомъ соціалистическомъ съѣздѣ, нельзя не упомянуть о предшествовавшей ему *Международной Женской Соціалистической Конференціи*. Она тоже должна быть отнесена къ числу самыхъ характерныхъ признаковъ нашего времени.

Буржуазія, играющая теперь въ передовыхъ странахъ Запада консервативную роль, выступала нѣкогда во главѣ боровшихся съ феодализмомъ народныхъ массъ. Она провозгласила права человѣка и гражданина. Но она односторонне понимала эти права. Когда она говорила «человѣкъ», она имѣла въ виду мужчину. Въ буржуазномъ обществѣ женщина оставалась подчиненнымъ существомъ, чѣмъ-то вродѣ домашняго животнаго высшаго порядка. Но по мѣрѣ того, какъ подвигалось впередъ развитіе этого общества, женщина все болѣе и болѣе вырывалась изъ тѣсныхъ рамокъ семейной жизни на широкую арену общественной — преимущественно экономической — ... женщинамъ всѣхъ странъ въ обязанность самое энергическое участіе въ борьбѣ соціалистическихъ партій за демократизацію избирательнаго права. При этомъ она напоминаетъ имъ, что, участвуя въ такой борьбѣ, женщины должны съ неменьшей энергіей добиваться того, чтобы требованіе всеобщаго избирательнаго права неуклонно выдвигалось во всей своей принципіальной правильности и практической широтѣ. Эта резолюція принята была подавляющимъ большинствомъ. Противъ нея подано было лишь 10 голосовъ (всѣхъ делегатокъ присутствовало болѣе 100). Въ интересахъ дальнѣйшаго изложенія замѣчу, что голоса, поданные противъ этой резолюціи, принадлежали англичанкамъ, примыкающимъ къ «Независимой рабочей партіи» и къ «Фабіанскому обществу».

Наиболѣе глубокимъ и самымъ выдержаннымъ въ принципіальномъ отношеніи надо признать женское движеніе въ Германіи, гдѣ 82 000 женщинъ принадлежитъ къ соц.-дем. партіи и 140 000 — къ профес. союзамъ. Намъ, русскимъ, можно пока что лишь мечтать о такихъ цифрахъ.

Кромѣ женской конференціи копенгагенскому съѣзду предшествовало нѣсколько конференцій и съѣздовъ проф. союзовъ. Такъ, 26 и 27 августа въ копенгагенскомъ соціалистическомъ Народномъ Домѣ состоялся четвертый международный съѣздъ сапожниковъ, на которомъ присутствовало 28 делегатовъ изъ Германіи, Даніи, Швеціи, Норвегіи, Австріи, Венгріи, Сербіи, Болгаріи, Швейцаріи и Финляндіи. Двадцать седьмого августа открылась международная конференція каменщиковъ и строительныхъ рабочихъ, въ которой приняло участіе 23 делегата, представлявшихъ ... странъ и 450.000 организованныхъ рабочихъ. Тог-

געווענ מיט אַ זאַצ־מאשינ, אונ אינ מעשעכ פונ איינ וואָכ האָבנ מיר באַוויזנ צו קריגנ א געוויסע פראַקטיק אינ דער אַרבעט.

אינ אַ קורצער צייט אַרומ איז דערשינענ אונדזער צענטראַל־אָרגאַנ.

אַ כאַראַקטעריסטישער שטריכ, — ווענ עס איז געקומענ צו רייד וועגנ דעמ דינעמ־פּאַפּיראָסנ־פּאַפּיר, האט דער כ׳ לעגינ געוויסט פּינקטלעכ, וויפל עס איז געבליבנ פּאַפּיר ערעוו זיינ אָפּפּאָרנ קיינ רוסלאַנד.

אַ געוויסע צייט האבנ מיר ווייטער געפירט אונדזער אַרבעט אינ דערדאָזיקער דרוקעריי. דער אַרויסלאָזער איז געווענ דער כ׳ אנאָקענטי.

ווענ מע האט באַפרייט דעמ כ׳ סעמאַשקאָ פונ דער זשענעווער טורמע, האט זיכ אונדז איינגעגעבנ איינצושטעלנ אונדזער דרוקעריי, ווי אַמאָל.

דאָס אַריבערפאָרנ קיינ פאַריז

ווינטער 1908־טנ יאָר האָט די גאַנצע זשענעווער גרופּע באַשלאָסנ אַריבערצופאָרנ קיינ פאַריז.

מע מוז זיכ מודיע זיינ, אַז זשענעווע איז אינ יענער צייט שוינ נישט געווענ אַזאַ גרויסער צענטער פונ עמיגראַנטישנ לעבנ, ווי אינ ערשטנ עמיגראַציע־פעריאָד.

אויסער דעמ, האבנ זיכ אָנגעהויבנ רעפּרעסיעס קעגנ די רוסישע עמיגראַנטנ. מע האט אונדז געדריקט אפ יעדנ טראָט.

צוערשט האבנ מיר זיכ געראַטעוועט אינ דער „פרייער" שווייצ דערמיט, וואָס פאַר 4־5 פראַנק פלעגנ מיר קריגנ באָלגאַרישע דאָקומענטענ, אונ לויט די דאָקומענטנ, האבנ מיר באַקומענ וווינונג־רעכט. נאָר סאָפּקאָלסאָפּ האט דידאָזיקע קונצ־שטיק אויכ ניט געהאָלפנ. די קלייןבירגערלעכע זשענעווע איז מאַמעש פרעכ געוואָרנ.

אַ רוסישער עמיגראַנט האט קאַמאַט ניט געהאט קײנ מעגלעכ־קײט צו געפינענ אַ צימער. אפֿ אײניקע מויערנ זײנענ געווענ אַזוינע צעטעלעכ: „עס פֿאַרדינגט זיכ א צימער“, נאָר — „אָבּ הינט, אָב קעצ, אָב רוסישע“.

אָט ווי אַזוי די „פֿרײַע“ בורזשואַזע שווײצ האט געגעבֿנ א מאָקעמ־מיקלעט די רוסישע רעוואָליוציאָנערנ.

צוערשט זײנענ קײנ פֿאַריז אַוועקגעפֿאָרנ דער כ׳ לענינ אונ נאַ־דעזשדא קאָנסטאַנטינאָוונאַ. איכ אונ דער כ׳ קאָטליארענקאָ זײנענ גע־בליבֿנ צוגרײטנ דאָס אריבֿערפֿירנ דעמ טעכנישנ פֿארטײ־אַפֿאַראט.

אינ פֿאַריז בינ איכ פֿאַרפֿאָרנ אינ דעמזעלבֿנ האָטעל „מאַר־סעל“, ווו עס האט זיכ צײטווײליק אָפּגעשטעלט כ׳ לענינ מיט נאַדעזשדא קאָנסטאַנטינאָוונאַ.

דער האטעל איז געווענ א וואָלוועלער — אנ אומרײנער, אַ נאַסער, לאַנג פֿאַרבלײַבנ דאָרט איז געווענ אומעגלעכ.

מע האָט געדאַרפֿט זעג, ווי אזוי וולאַדימיר איליטש אונ נאַ־דעזשדא קאָנסטאנטינאָוונא האבֿנ זיכ געזאָרגט פֿאַר מײנ פֿרוי, וואָס איז דעמאָלט געווענ שטאַרק קראַנק. די טאָכטער מײנע האָבֿנ זײ צוגענומענ צו זיכ.

בּיקלאַל האט וולאַדימיר איליטש שטאַרק ליבֿ געהאַט קינדער.

ווענ מיר זײנענ געקומענ צופֿאָרנ קײנ פֿאַריז, איז צו אונדז גע־קומענ דער כ׳ קאָטליאַרענקאָ, אונ מיר האבֿנ צוזאמענ אָנגעמערקט אַ פּלאַנ: אינ וועלכנ טײל שטאָט אוועקצושטעלנ אונדזער דרוק־קערײ אונ עקספּעדיציע, אונ אינ וואָס פֿאַר א רײַאָנ צוזוכנ עטלעכע דירעס פֿאַר די כאַווײרימ.

אינ עטלעכע טעג אַרומ האט זיכ אונדז אײנגעגעבֿנ צו געפינענ א ווױנונג פֿאר אונדזער דרוקערײ. דערנאָכ האבֿנ מיר גענומענ אריבֿערפֿירנ אלצ אונ אוועקשטעלנ די דרוקערײ.

גאָר גיכ האט זיכ אונדז אויכ אײנגעגעבֿנ צו געפינענ דירעס פֿארנ כ׳ לענינ אונ פֿאַר די איבעריקע כאַוויירימ.

דעמ כ׳ לעני̇נס וווינונג

מע מוז זאָגנ עטלעכע ווערטער וועגנ דער וווינונג, ווו עס האט זיכ באַזעצט דער כ׳ לעניג. איינ צימער מיט אַנ אַלקער אונ א קליינינקע פֿענצטערע קיכ, ווו עס האט א גאַנצנ טאָג געברענט גאַז — דאס איז געוועג די וווינונג. אינ קיכ האב איכ ניט איינמאל געגעסנ וואַרעמעמ אינייגעמ מיט איליטשנ אונ נאדעזשדא קאָנ־סטאַנטינאָוונע.

דאָס גאַנצע מעבל איליטש׳ס איז באַשטאַנענ פֿונ צוויי ווייסע טישנ, עטלעכע טאַבורעטנ, אַ פּאָטעל פֿונ אַדאָמ־האַרישנס־צייטנ, וואָס מיר האבנ מיטגענומענ מיט זיכ פֿונ זשענעווע, אַנ אַלט קאַנאַפּקעלע אונ צוויי פּאָשעטע אייזערנע בעטנ. אזוי האט געלעבט אונדזער איליטש.

וולאַדימיר איליטש פֿלעגט אָפט קומענ אַ שרעקלעכ מידער פֿונ דער איבער־מענטשלעכער ארבעט אינ זיכ אַ וואָרפֿ טאָנ אפֿנ אַלטנ בעט, ניט אויסטאָנ זיכ אַפֿילע.

די דרוקעריי

אַ געביידע פֿאַר אונדזער דרוקעריי האבנ מיר געדונגענ אפֿ דיו־אנטואנ נומ. 8, אונ א געביידע פֿאר דער עקספּעדיציע אינעמ זעלבנ הויפֿ, אפֿנ צווייטנ שטאָק.

די געביידע פֿאר דער דרוקעריי איז געוועג ניט קיינ געלונגענע: א געוויינטלעכער מאַגאזינ, אַפֿילע אָנ שויבנ.

נאָר אזוי ווי די דרוקעריי, וואָס מיר האבנ געבראכט פֿונ זשענעווע, האט זיכ געפֿונענ אינ וואַגאָנ, אונ לאַנג בלייבנ דאָרט האָט זי איבער פֿיל סיבעס ניט באדארפֿט, האבנ מיר געמוזט צייטווייליק איינ.ייג אפֿ דערדאָזיקער געביידע. די עקספּעדיציע האט זיכ גע־פֿונענ אינ אסאכ א בעסערע לאַגע. דער כ׳ קאָטליארענקא האט פֿאַר איר צוגעזוכט א פּאַסיקע געביידע. אינ א מעשעכ פֿונ עטלעכע

טעג האבנ מיר אַװעקגעשטעלט די דרוקערײ אונ זײַנען צוגע־טראָטנ אויסצוזעצנ אונדזער צײַטונג.

װי איכ האב שוינ פריער געשריבנ, האבנ מיר געהאט בלויז שריפט. באַ זיכ פלעגנ מיר אויסזעצנ, אונ דרוקנ פלעגנ מיר איב אַנ אנדער דרוקערײ.

נאָכ לאַנגע זוכענישנ האָב איכ געפונענ א פאַסיקע פראַנצויזישע קאָאָפּעראַטיװע דרוקערײ אפּ צו דרוקנ אונדזער צײַטונג.

„דער פאַראַנטװאָרטלעכער רעדאַקטער"

דאָס דרוקנ אונדזער צײַטונג איז אַביסל פאַרהאַלטנ געװאָרנ, װײַל עס איז ניט געװענ קײנ פאַראַנטװאָרטלעכער רעדאַקטער: מיר, רוסישע עמיגראַנטנ, האבנ קײנ רעכט ניט געהאט ארויסצו־לאָזנ אײגענע צײַטונגענ, ביפּראַט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע.

דער פאַראַנטװאָרטלעכער רעדאַקטער האט געמוזט זײנ אַ פראַנ־צויזישער בירגער. מיר האבנ זיכ צונויפגערעדט מיט אַ סאָציאַלי־סטישנ דעפּוטאַט — דעמ זשאָרעסיסט, מאַעראַס, װאָס האט מאַסקימ געװענ צו זײנ א „פאַראַנטװאָרטלעכער רעדאַקטער" פאַר 100 פראַנק אַ כוידעש. דורכגעמאַכט אלע פאָרמאַליטעטנ, האבנ מיר סאָפקאָלסאָפּ אָפּגעדרוקט אונדזער צײַטונג אונ אַרויסגעלאָזט זי.

מע דאַרפ אָנמערקנ, אז אונדזער פאַראַנטװאָרטלעכער פראַנ־צויזישער רעדאַקטער האט קײנ װאָרט רוסיש ניט פאַרשטאַנענ.

איצט געהערט דערדאָזיקער דעפּוטאַט צומ רעכטנ סאָציאַליס־טישנ פליגל אונ פירט אַ העצע קעגנ דעמ, װאָס עס האט זיכ געדרוקט אונטער זײנ פאַראַנטװאָרטלעכער רעדאַקציע.

פאַריזער עמיגראַנטנ

דער פאַריזער עמיגראַנטישער אוילעמ איז שוינ ניט געװענ אזוי אײגיק, װי דער זשענעװער. דאָס דערקלערט זיכ דערמיט, װאָס די שטאָט איז זײער אַ גרויסע, די עמיגראַנטנ זײַנענ געװענ

צעוואָרפנ איבער אַלע עקנ שטאָט, זיי זיינענ געווענ אָפּגעריסנ איינער פונ דעמ צווייטנ, אונ גאַנצ אָפט פלעגט מענ ווערנ אינגאַנצנ פאַרכאַפּט פונעמ ברויזנדיקנ לעבנ אינ דער קאָלאָסאַלער פראַנצויזישער הויפּט־שטאָט.

די רוסישע עמיגראַנטנ אינ פאַריז האבנ אָנגעהויבנ פאַרנעמענ זיכ מיט פאַרשיידענע מעלאָכעס. די רוסישע האט מענ גענומענ צו דער אַרבעט אָנ כיישעק, די פראַנצויזנ האבנ פאַר זיי מוירע געהאט, ווי פאַר פייער. מע האט זיי גערופנ די „סטאַטשעטשניקעס". אונ ווירקלעכ, אויב עס איז ערגעצ אינ אַ פראַנצויזישער אונטערנעמונג פאָרגעקומענ אַ שטרייק, אונ דאָרטנ האט געאַרבעט כאָטש איינ רוסישער אַרבעטער, פלעגט דער רוסישער אַרבעטער אָנפירנ מיטנ שטרייק. איכ דערמאָנ זיכ, ווי אינ פאַריינ פונ פאַריזער דרוקערס האָט מענ מיר געזאָגט, אַז אונדזערע כאַווײרימ זיינענ שוינ צופיל רעוואָלוציאָנער.

„אַ מאָדנער שאָכנ"

אַז דער כאַווער לעניג איז געקומענ פונעמ אינדזל קאַפּרי, וווּ ער האט אינ אַ מעשעכ פונ עטלעכע כאָדאָשימ געלייענט אַ גאַנצע ריי לעקציעס אינ דער פאַרטיי־שול, איז ער, ווי שטענדיק צומ אַלעמערשטנ אַוועק אינ דרוקעריי.

די נייע געביידע אָפּ דער אַוועניו ד'אָרלעאַנ 110 איז וולאַדימיר איליטשנ געפעלנ געוואָרנ.

די געביידע איז באַשטאַנענ פונ צוויי שטאָק. דער ערשטער שטאָק האט געהאט אַ גלעזערנעמ דאַכ. דאָרט האט זיכ געפונענ אינדזערע דרוקעריי אונ די עקספּעדיציע; אינ די צוויי צימערנ פונעמ צווייטנ שטאָק פלעגט זיכ אָפט צונויפקומענ די רעדאַקציע אונ אַמאָל אויכ די אויסלענדישע ביוראָ פונ צענטראַל־קאָמיטעט. די געביידע האט זיכ געפונענ אינ אַ הויפ, אונ דאָס איז געווענ

זייער באַקוועמ. אנטקעגנ די טירנ פונ דער דרוקעריי זייענ גע־וואַקסענ עטלעכע גרויסע ביימער, און אינ זייער שאָטנ זייענ געשטאַנענ דריי ברייטע בענק מיט ווענטלעכ. אָפט האט מענ געקענט זענ אונדזער איליטשנ, ווי ער שפּרינגט אַראָפּ מיט יינגלשער פלינקייט פונעמ וועליסאָפּעד, באַ דער סאַמע באַנק, ווו עס פלעגנ זיכ צונויפקומענ אונדזערע כאַווייריִמ. — אַלע דריי בענק פלעגנ זיינ פאַרנומענ, און עס האָט זיכ געפירט אַ לעבעדי־קער כאַווערישער שמועס; צווישנ די פאַרזאַמלטע האט מענ אָפט געקענט זענ מיכאַיל פּיאָדעריוויטש וולאַדימירסקענ, דעמ כאַווער אילינ, וואָס איז שטענדיק געווענ ניט צופרידנ מיטנ קליינע שריפט פונ אונדזערע צייטונג, די כאַווערטע לודמילע און די כאַווערטע גאָצנער; אַמאָל פלעגט אויכ קומענ דער כאַווער שאַרל ראַפּאָפּאָרט, וואָס האט איינ צייט געבראַכט זיינע אַרטיקלענ אינ רעדאַקציע. באַזונדערס האט זיכ אויסגעטיילט דער כאַווער טשי־טשערינ, ער פלעגט פאַרנעמענ קאַמאַט אַ האלבע באַנק אינ זיינ גרויסער פעלערינע, מיט די אומגעהויערע קעשענעס, וואָס זיינענ שטענדיק געווענ איבערפולט מיט פאַרשיידענע דרוק־מאַטעריאַלנ. דער כאַווער טשיטשערינ פלעג אָפט אַריינקומענ צו אונדז אינ דרוקעריי זיכ צו דערוויסנ, עפשער איז אַרויס עפּעס נייס פונ דרוק.

די אָפטע פאַרזאמלונגענ אונטערנ פרייענ הימל האבנ ניט איינ־מאָל געבראַכט צו סקאַנדאַלנ מיצאַד דער הויז־עקאָנאָמקע, וואָס האט אונדז געסטראַשעט ארויסצוטרייבנ פונ דער דירע.

איכ מוז אונטערשטרייכנ, אַז מיט כאַווער לענינס קוואַרטיר איז אויכ נישט אַלצ געווענ בעשאָלעמ. דער באַלעבאָס פונעמ הויז און די הויז־עקאָנאָמקע האָבנ אימ אָנגעהויבנ צו דערקוטשענ.

איינמאָל אַפּדערנאַכט, ווענ איכ בינ געווענ באַ איליטשנ, האָט ער מיר דערציילט וועגנ דעמ, וואָס עס קומט אימ אויס אויסצו־שטייִנ פונעמ באַלעבאָס און פונ דער עקאָנאָמקע. זיי האבנ געהאט

טײנעס צו אים, דערפֿאַר, װאָס ס'גײען צו אים אַזאַך מענטשן און מע פּאַרמיסטיקט די טרעפּ; דער כאַװער לעניג האָט מיר געגעבן אױסקלאָרן דעם אינײען.

איך האָב שױן דעמאָלט פֿרײַ באַהערשט די פֿראַנצױזישע שפּראַך.

איך בין טײקעף אַראָפּגעגאַנגען צום באַלעבאָס און האָב איבערגערעדט מיט אים. ער האָט אָנגעהױבן פֿאָדערן, אַז אוליאַנאָװ זאָל זיך אַרױסקלײַבן, װײַל ער איז אַ מאָדנע שאָכן: ער האָט אַפֿילע קײן װײַכע מעבל ניט, אַז מע האָט װײַכע מעבל דעמאָלט איז דאָ אַ גאַראַנטיע, מאָמער צאָלט מען ניט קײן דירע־געלט, װעט מען קענען מיט געריכט איבערשרײַבן דאָס מעבל און פֿאַרקױפֿן עס אױף אַן אוקציאָן.

װי באַװוּסט, איז בײַ איליטשן אַזאַ מעבל ניט געװען, ער האָט ביקלאַל ניט אַנערקענט קײן איבעריק מעבל.

דעמאָלט האָב איך, מיט װלאַדימיר איליטשס דערלױבעניש, געמאָלדן דעם באַלעבאָס, אַז אונדזער אוליאַנאָװ איז אױך אַ גרױסער „אײגנטימער" און האָב אים פֿאָרגעלײגט זיך אָנפֿרעגן אין באַנק „ליאָנער קרעדיט" װעגן זײַן לױפֿ־דיקן כעשבן (דאָס גאַנצע פּאַרטײ־געלט איז געלעגן אין באַנק אױף איליטשס נאָמען). דער באַלעבאָס האָט עס טײקעף געטאָן.

פֿון דעם מאָמענט אָן האָט דער באַלעבאָס געלאָזט צורו לעניגס פֿאַמיליע.

יעדן מאָל, װען ער פֿלעגט באַגעגענען אױף די טרעפּ אונדזער איליטשן, האָט ער זיך נידעריק פֿאַרנײגט און שטענדיק צוגעגעבן הױך אױף אַ קאָל: „באָנזשור מאָסיע אוליאַנאָװ", דידאָזיקע העפֿלעכקײט איז לעניגן שטאַרק נימעס געװאָרן.

דער כ' לעניג צװישן די רוסישע אַרבעטער אין פּאַריז

פּונקט װי אומעטום, איז דער כאַװער לעניג אױך אין פּאַריז געװען שטאַרק פּאָפּולער צװישן די רוסישע און די פֿראַנצױזישע

אַרבעטער. ער פלעגט ניט זעלטנ ארויסטרעטנ מיט פארלעזונגענ פאַר די רוסישע אַרבעטער. אַפ איינער א לעקציע בינ איכ ביי־ געווענ.

דער זאַל, ווו עס האט גענדאַרפט פאָרקומענ די לעקציע, איז גע־ ווענ אינ אַנ אַרבעטער־רעסטאָראַנ. דאָ פלעגנ זיכ שטענדיק צונויפ־ קומענ אויסגעמאָגערטע רוסישע אַרבעטער, וואָס האָבנ געבענקט קעסיידער אַהיימ. באַטאָג פלעג מענ זיכ דאָ באַגעגענענ באמ וואַרעמעס, זיי פלעגנ אויכ אריינקומענ אַהערצו אינ אָוונט, קעדיי צו אויסטרינקענ אינ א קאָמפּאַניע א גלעזל ביר, הערנ נייס פונ רוסלאַנד אונ א לייענ טאָג די סאָציאליסטישע צייטונג „הומאַניטע".

גאָר גיכ איז אויכ געקומענ דער לענינ.

איכ האב טייקעפ באַמערקט, ווי פאָפולער ער איז צווישנ די אַרבעטער, ווי זיי האָבנ אימ ליב.

ער האט גערעדט קלאָר, פארשטענדלעכ, אפ א פּאָשעטער שפּראַכ, ווי אלע ארבעטער. אט די קלאָרקייט פונ געדאַנק, אָט דאס פּאָ־ פולערע איבערגעבנ זיינע געווענ אזוי איבערצייגנדיק, אז עס האט צוגעצויגנ אלעמענס אופמערקזאַמקייט.

מיר, וואס איז געווינט געווענ צו די דונערדיקע פּײַערדיקע רעדעס, האט זיכ אויסגעדאַכט, אז די לעקציע האט ניט געהאט קיינ דערפאָלג בא אנדערע צוהערער. דאָכ, ווענ איכ האב דעמ צווייטנ אָוונט זיכ באַגעגנט מיט אייניקע כאַווייריכ אונ געטיילט זיכ מיט די איינדרוקנ, האט זיכ ארויסגעוויזנ, אז אויכ זיי האט די לעקציע פארכאַפּט. נאָכ מער, זיי האבנ פארגעדענקט קאמאַט יעדנ געדאַנק, וואס לענינ האט ארויסגעזאָגט.

אז איכ בינ שוינ געווענ בא דער טיר, האט ער מיכ באַמערקט אינ א רופ געטאָנ:

— כאַווער וולאַדימיר, וואַרט א ווײַלע!

ער איז צוגעגאַנגענ, האט מיר אויסגעצויגנ די האַנט, אונ מיר זיינענ ביידע אוועקגעגאַנגענ אהיימ.

וולאַדימיר איליטש איז ווירקלעכ געווענ נאָענט צומ ארבעטער, קיינמאָל ניט אָפּגעטיילט זיכ פונ אימ. מע קאָנ זאָגנ, אז דער כאַווער לענינ איז געווענ די פאַרקערפּערונג פונ דער ארבעטער־מאַסע.

א היסטאָרישער מאָמענט

אינ דער צווייטער העלפט פונ 1910־טנ יאר, ווענ עס איז פארגעקומענ דער הויפּט־קאַמפּ מיט די ליקווידאַטערס, — האט געאָרגי וואַלענטינאָוויטש פּלעכאַנאָוו אנגעהויבנ פאמעלעכ אָפּצו־גיינ פונ די מענשעוויקעס אונ זיכ דערנענטערנ צו די באָלשע־וויקעס *.

גאָר גיכ האט ער אָנגעהויבנ פירנ א קאַמפּ מיט די ליקווידאַ־טערס איניינעמ מיט לענינענ.

איינמאָל, ארומ צוויי אזייגער באַטאָג, האבנ מיר בא אונדז אינ דרוקעריי, אינ פּאַריז, אפּ אַוועניו דאָרלעאַנ 110, דערהערט א קלונג, איכ האב פּונקט דעמאָלט געהאַלטנ אינ וויאָרסטעווענ.

איכ בינ ארויסגעגאַנגענ א קוק טאָנ, אונ האב זיכ זייער פאַר־וווּנדערט, ווענ איכ האב דערזענ פּלעכאַנאָוונ.

ג. פּלעכאַנאָוו האט מיכ געפרעגט, ווו איז דאָ די עקספּעדיציע, אונ צי איז פאַראַנ איצט דער כאַווער לענינ.

---

* נאָכנ 5־טנ צוזאַמענפאָר האט זיכ אינ דער רוסישער סאציאַל־דעמאָקראַטיע (1907 — 1909 י.) אָנגעמערקט א ריי פראַקציעס אפּנ באַדנ פונ פארשיידענע צו־גאנגענ צו דער פראַגע וועגנ די ווייטערדיקע וועגנ פונ דער רוסישער רעוואָלוציע: 1) צענטער — די באָלשעוויסטישע גרופּע „לענינצעס", וואס האט זיכ פארייניקט מיט די פּלעכאַנאָווצעס (מענשעוויקעס - פּאַרטייער), 2) עקסטרעמ - לינקע — אָטזאָ־וויסטנ אונ אולטימאַטיסטנ, 3) עקסטרעמ רעכטע — די מענשעוויסטישע גרופּע ליקווי־דאַטערס. דער הויפּט־קאַמפּ איז געגאנגענ ארומ אזוינע פראַגעס: א) וועגנ דער מעלוכע־דומע, ב) וועגנ די קאַמפּ־אויפגאַבעס אונ ג) וועגנ לעגאַלע אונ אומלע־גאַלע אָרגאַניזאַציעס.

איכ האב געבעטנ געאָרגי וואלענטינאָוויטשנ ארײַנגיינ צו אונדז אינ עקספּעדיציע.

ווענ שפּעטער איז געקומענ לעניג און מע האט אימ געזאגט, אז צו אונדז איז געקומענ דער כאַווער פּלעכאַנאָוו, האט ער געענט־פערט: „גיכ וועלנ אלע קומענ צו אונדז". דאס זיינענ געווענ נעוויישע ווערטער.

אינ עטלעכע מינוט ארומ איז לענינ געווענ שוינ אינ עקספּ־דיציע אונ געשמועסט מיט פּלעכאַנאָוונ. אויב דער זיקאָרנ פעלשט מיט ניט, זיינענ זיי ביידע דעמזעלביקנ אָוונט אָפּגעפאָרנ אפנ קאָנגרעס פונ צווייטנ אינטערנאַציאָנאַל.

רייבונגענ אינ דער אויסלענדישער ביוראָ פונ צענטראל־קאָמיטעט

אָנהויב זומער 11־טנ יאר האט וולאַדימיר איליטש זיכ באזעצט נעבנ פּאַריז, ווו עס האט זיכ דאנ געפונענ די פּאַרטיי־שול.

אינ פּאַריז איז דעמאלט קיינער פונ אונדזערע פירער ניט געווענ, קאמאַט אלע האבנ געווינט אונטער דער שטאָט. איכ אונ נאכ עטלעכע כאַוויירימ זיינענ געבליבנ ארבעטנ אינ אונדזער דרוק־עריי. דאס איז געווענ דער פּעריאָד, ווענ די טאָלעראַנטלעריי האט גענומענ אויטערגיינ. אינ דער אויסלענדישער ביוראָ פונ צענטראַל־קאָמיטעט איז דעמאלט געווענ א מערהייט טאָלעראַנטלער, וואס זיינענ געשטאַנענ אפ דער פּלאַטפאָרמע פונ פּאריייניקנ זיכ מיט די מענשעוויקעס־פּאַרטייער אונ שאַפנ אַנ איינהייטלעכע ס.־ד. פּאַרטיי.

די אויסלענדישע ביוראָ פונ צענטראַל־קאָמיטעט האט ארויס־געגעבנ אַנ אייגענעמ ביולעטענ, וואס פלעגט געזעצט ווערנ אינ אונדזער דרוקעריי. *

* אינ דעמדאזיקנ פּעריאָד זיינענ די „לענינצעס" געווענ אינ אפּאָזיציע צו דער אויסלענדישער ביוראָ פונ צענטראַל־קאָמיטעט, דורכפירנדיק א ליניע פונ ענדגילטיקער שפּאַלטונג מיט די מענשעוויקעס.

איז אונדז, הייסט עס, אויסגעקומענ צו זעצנ דעמ צענטראַל־אָרגאַנ אונ דעמ ביולעטענ פונ דער אויסלענדישער ביוראָ.

פאַרשטייט זיכ, אַז איכ האָב געזעצט אונדזער צענטראַל־אָרגאַנ.

צווישנ מיר אונ דער אויסלענדישער ביוראָ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ ערנסטע רייבונגענ, מע האָט מיכ באַשולדיקט, אַז איכ „סאַבאָטיר" די אַרבעט פונ דער אויסלענדישער ביוראָ.

אינ אָוונט בינ איכ צוגעפאָרנ צו איליטשנ אונטערנ דער שטאָט. איכ געדענק, ווי באַמ אַראָפגייענ פונ טראַמוויי איז מיר אָנגעקומענ לעניננ אָפנ וועליסאָפעד. מיר האָבנ זיכ לאַנגזאַמ געלאָזט גייענ איבערנ שאָסיי. איכ האָב דערציילט דעמ כאַווער לעניננ וועגנ דעמ גאַנג פונ דער אַרבעט אינ אונדזער דרוקעריי אונ האָב אימ געמאָלדנ, אַז מער בינ איכ ניט אימשטאַנד צו קעמפנ מיט זיי, אַז אונדזער צייטונג איז אויסגעזעצט, נאָר וויאַזוי אַרויסצעווענ איר אונדזער דרוקעריי וועט זיכ אונדז ניט אײַנגעבנ.

עס איז געבליבנ איינ אויסוועג: אַרויסשלעפנ שטילערהייט דעמ זאַץ, אַוועקפירנ אימ אינ אַ פראַנצויזישער דרוקעריי אונ דאָרטנ אויסוויאַרסטעווענ.

ווי אַזוי מיר האָבנ אַרויסגעפירט פונ אונדזער אייגענער דרוקעריי דעמ זאַץ פונעמ צענטראַל־אָרגאַנ

די אָפעראַציע איז געווענ ניט קיינ גרינגע, ווײַל די כאַווײרימ פונ דער אויסלענדישער ביוראָ פונ צענטראַל־קאָמיטעט האָבנ דערשמעקט וועגנ דעמ, אונ די לעצטע טעג זיינענ זיי קאַמאַט ניט אַרויסגעגאַנגענ פונ דער דרוקעריי. איכ האָב געבעטנ דעמ כאַווער לעניננ מיר געבנ עמיצנ צו הילפ, טאָמער מאַכט זיכ אַנ ערנסטער אינצידענט, ווײל איכ ניט זיינ אַליינ. פאַרטאָג איז געווענ צוגעגרייט אַ פורל, ווו מיר האָבנ אַוועקגעלייגט דעמ פאַרפאַקעוועטנ שריפט. אַלצ איז דורכגעגאַנגענ בעשאָלעמ, דעמ שריפט האָבנ מיר געבראַכט אינ דער געהעריקער דרוקעריי.

12 אזייגער באַטאָג איז צו מיר אין דער דרוקעריי געקומען לענין, און מיר האבן אינאיינעם אויסגעוויאָרסטעוועט דעם נומער און ארויסגעלאָזט אים.

איך באשרייב אפילע קיין הונדערט־כיילעק ניט פון די ריי־בונגען, וואס זיינען פאָרגעקומען צווישן אונדז און די מיטגלידער פון דער אויסלענדישער ביוראָ פון צענטראַל־קאָמיטעט.

אָט אזוי האב איך געארבעט מיטן כאַווער לענין ביז דער צווייטער העלפט פונעם 12־טן יאָר. דעמאלט איז וולאדימיר איליטש און אַנדערע כאַוויירים אריבערגעפאָרן קיין גאַליציע, נעענטער צו רוסלאַנד, קעדיי זיך בעסער צו פארבינדן מיט דער רעוואליו־ציאָנערער באוועגונג און רעגולערער מיטארבעטן אין דער „פראוודא".

נאדעזשדא קאָנסטאַנטינאוונא קרופסקע

נאַדעזשדא קאָנסטאַנטינאָוונאַ קרופסקע, כ' לענינס פרוי, האט דעמאָלט געפירט דעם כ' לענינס גאַנצע קאָרעספאָנדענץ מיט די רעוואָליוציאָנערן אין רוסלאַנד. זי פלעגט זיצן ביז שפעט אין־דערנאַכט באַ דערדאָזיקער אַרבעט. קעדיי אָפצודרוקן א קאָרעס־פאָנדענץ פון ערגעץ א שטאָט, האט מען זייער ערנסט געדאַרפט זי באארבעטן. די אלטע פאַרטיי־ארבעטער געדענקען אוואַדע זייערע קאָרעספאָנדענצן און נאָטיצן, וואס זיי פלעגן שיקן פון די ערטער שיפרירט. זייער אָפט פלעגט מען דאַרפן אָפזיצן באַ איין נאָטיץ שאָענוויַז, קעדיי צעשיפרירן זיי. אָט די שווערע ארבעט פלעגט אויספילן אויסשליסלעך נאדעזשדא קאָנסטאַנטי־נאָוונא. אָפט פלעגט זיך באַקומען א קאָרעספאָנדענץ פון רוסלאַנד אף גאַנצע צוויי בויגן פאַפיר, און נאַדעזשדא קאָנסטאַנטינאָוונאַ פלעגט דערפון מאַכן 20 שורעס, און אמאָל. פאַרקערט, פלעגט זי פאַריכטן און צוגעבן. האקלאַל, די גאַנצע טעכנישע ארבעט האָט אָפגעטאָן נאדעזשדא קאָנסטאַנטינאָוונאַ. יעדעס מאָל, ווען עס

נאַדעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ קרופּסקע

פלעגנ זיכ באַקומענ קאָרעספּאָנדענצ פונ רוסלאַנד, פלעגט זי קומענ צו מיר אינ דרוקעריי און מיט איר זעלטענעמ שמייכל זיכ ווענדנ צו מיר: „כ' וולאַדימיר, גרייט שריפט, ס'איז דאָ פרישינקס פונ רוסלאַנד".

זי פלעגט שטענדיק צוקלייבנ דעמ גאַנצנ געדרוקטנ מאַטעריאַל פאר דער קאָלאָסאַלער ארבעט, וואס כ' לעניג האט אָפּגעטאָנ. זי האט אויכ שטענדיק אָפּגעהיט זיינ שוואַכ געזונט פונ איבערמענטשלעכער אנשטרענגונג אינ דער ארבעט.

דעמ כ' לענינס ארבעט־טאָג פלעגט זיכ אפט ציענ ביז 15־18 שאָ. אינ דער שטענדיקער אנגעשטרענגטער ארבעט פלעגט ער אָפט פאַרגעסנ, אז עס איז נויטיק צו דערפרישנ די קויכעס מיט עפעס; נאדעזשדא קאָנסטאַנטינאָוונא פלעגט אויסנוצנ יעדע געלעגנהייט, קעדיי אימ צו ברענגענ א גלאָז טיי אדער עפעס אָפּעסנ.

נאר אדאנק נאדעזשדא קאָנסטאַנטינאוונע האט כ' לענינס אָרגאַניזמ געקענט אויסהאלטנ אַזאַ אָנלאָדונג. ווי איכ האב שוינ פריער דערמאָנט, זיינענ מיר געווענ זייער ארעמ, אונדז פלעגט אויסקומענ אלצדינג אליינ צו טאָנ, קעדיי אויסצומיידנ איבעריקע הויצאָעס.

וולאַדימיר איליטש האט זייער שטרענג אפּגעהיט יעדער פאַרטייקאָפּיקע, פאר שלעכט באלעבאטעווענ פלעגט ער ניט שאַנעווענ.

מער פונ אַלע האט געשפּאָרט די פאַרטיי־מיטלענ נאדעזשדא קאָנסטאַנטינאוונא. זי האט מײַסטעריש געניית זשילעטקעס אפ צו באַהאלטנ אונדזער ליטעראַטור צומ אומלעגאַלנ אריבערשיקנ קיינ רוסלאַנד.

איכ געדענק, ווי איינמאָל איז צו אונדז אינ דרוקעריי געקומענ נאדעזשדא קאָנסטאַנטינאָוונעס מאַמע און האט זיכ אנגעהויבנ צו קלאָגנ אפ דער טאָכטער, אז זי שלאָפט לאַכלוטנ ניט און זיצט אָפּ גאנצענע נעכט באַמ נייענ די זשילעטקעס.

לעניִנ איִנ טאָגטעגלעכנ לעבנ

איִכ וויל זאָגנ נאָכ עטלעכע ווערטער וועגנ אונדזער איליטשנ, אַלס אַ מענטש אונ אַ כאַווער. איִכ ווייס פאָרויס, אַז עס איִז אַנ אופגאַבע ניט לויט מײַנע קויכעס. איִכ רעכנ אָבער, אַז די אַרבעטנדיקע דאַרפנ וויסנ אַלע מאָמענטנ פונ כ׳ לעניִנס לעבנ, ווײַל ווי מע פלעג אַמאָל זאָגנ איִנ דער אַלטער עמיגראַציע, לעניִנ איִז געווענ דער שפּיגל אונ דער געוויסנ פונעם אַרבעטערקלאַס.

איִכ געדענק, ווי איִנ פּאַריז האָבנ עטלעכע כאַוויירים, אונ צווישנ זיי אויִכ וולאַדימיר איליטש, געבראַכט צו קוורע ניִנע דמיטריעוונע קאָטליאַרענקאָ. דער בײַסוילעם האָט זיִכ געפונענ עטלעכע ווייאָרסט פונ פּאַריז. מע האָט געדאַרפט זענ איליטשס איבערלעבונגענ אַפ דערדאַזיקער לעוואַיע, איִנ פרעמדנ לאַנד, ווי ער האָט זיִכ באַמיט צו דערנענטערנ זיִכ צום כ׳ קאָליאַרענקאָ, דער געשטאָרבענערס מאַנ, קעדיי צו טרייסטנ איִמ. איליטש איִז געגאַנגענ צופוס צום ווייטנ בײַסוילעם אונ צוריק.

איִכ געדענק, ווי דער כ׳ לעניִנ האָט זיִכ איינמאָל דערוווּסט, אַז איינער פונ אונדזערע זעצערס איִז קראַנק געוואָרנ. ער איִז אַליינ אַוועק צום דאָקטער אונ האָט איִמ געבראַכט צום קראַנקנ כאַווער. באַם געזעגענענדיק זיִכ מיִטנ כאַווער, האָט ער געלאָזט דער פרוי עטלעכע פראַנק, כאָטש ער אַליינ האָט זיִכ זייער גענויטיקט. ער האָט געבעטנ דעם „כאַווערס פרוי“, אַז זי זאָל קויפנ אַלצ, וואָס דער דאָקטער האָט פאַרשריבנ.

איִכ געדענק אַ שטיקל צײַט, ווענ עס האָט זיִכ באַ אונדז באַוויזנ געלט. דער כ׳ לעניִנ האָט שטענדיק געזאָגט, אַז זעצערס דאַרפנ באַקומענ מער געהאַלט פונעם רעדאַקטער, אונ איִכ פערזענלעכ האָב באַקומענ אַפ דרײַ פראַנק מער, ווי דער כ׳ לעניִנ. ביקלאַל צווישנ די רוסישע עמיגראַנטנ האָט מענ שטענדיק גע־

זאָגט, אַז וולאַדימיר איליטש איז דער מילדסטער און איידלסטער מענטש אין דער רוסישער קאָלאָניע.

כאָטש ער איז געווען אַ גרויסער געניאַלער מענטש, האָט ער שטענדיק זיכ אינטערעסירט מיטנ לעבנ פונ איינפאַכע כאַווערימ.

ווי עס איז באַווּסט, האָט לענינ בעשאַס א פאָלעמיק קיינעמ ניט געשאַנעוועט, איכ געדענק א פאַל: אפ איינעמ פונ די רעפע־ראטנ איז צווישנ איליטשס אָפּאָנענטנ געווענ אנ ארבעטער. מע האָט געדארפט זענ, ווי אופמערקזאמ איליטש האָט זיכ צוגעהערט צומ דאָזיקנ אָפּאָנענט. ביקלאַל צו די ארבעטער־אָפּאָנענטנ האָט ער געהאט א כאווערישנ צוגאנג. איליטש פלעגט ריידנ אפ א פּראסטער, קלאָרער, פאר אלעמענ פארשטענדלעכער שפּראַכ. איכ געדענק, ווי איצט, דעמ יאָנטעוו לעקאָווער דעמ ערשטנ נומער פונ דער באָלשעוויסטישער צייטונג „פּראָלעטארי”. אפ אזעלכע יאָנ־טויוימ איז דער כ׳ איליטש שטענדיק געווענ אינ צענטער פונ אלעמענס אופמערקזאַמקייט.

זײַנע מאַניערנ, זיינ ארט האלטנ זיכ מיט איינפאכע כאַווייריִמ, זיינ ליבער שמייכל באמ באַגעגענענ א כאַווער — דאס אלצ האָט צוגעצויגנ צו אימ.

עפּעס איינמאל האָבנ די זעצערס פונ אונדזער דרוקעריי „גע־פאַקט” באַמ כ׳ גאליארקע און כ׳ ליאדאוונ עטלעכע פראַנק און האָבנ אינ דרוקעריי איינגעאָרדנט א שטיקל קערמעשל. צו אלעמענס פרייד האָט זיכ פלוצימ באוויזנ וולאדימיר איליטש. מע האָט אימ צוגעטראגנ א קעלישעקל קאָניאַק, נאָר ער האָט זיכ אפּגעזאָגט דערפונ, ער איז אפּגעזעסנ א האלב שאָ, פארביסנ, נאָר אויס־טרינקענ האָט ער גאָר ניט געוואלט.

וולאַדימיר איליטש איז שטענדיק געווענ זייער באַשיידנ.

אסאַכ פונ דעמאָלטיקע לידערס פלעגנ נאכטאָנ די פּראנצוזיזנ און שאָענוויינ אפּזיצנ אינ די קאפעענ, וולאַדימיר איליטש פלעגט אפילע ניט אריינקומענ אהינ.

ער האט ניט ליב געהאַט צו פאַטערנ די צייַט אומזיסט. אים האט מענ שטענדיק געקענט געפינענ באַ וויסנשאפטלעכער ארבעט אינ־דערהיים, אָדער אינ ביבליאָטעק.

וולאַדימיר איליטשס אָרגאניזמ איז געווענ זייער א פעסטער: ער האט געקענט אָפזיצנ 15 שאָ בא דער ארבעט.

דער טויט פונ אונדזער רויטנ ריז איז א שרעקלעכער קלאַפ פאַרנ גאנצנ ארבעטער־קלאַס.

כ־טע קרופּסקעס רעדע אפֿנ
צווייטנ ראַטנ־צוזאַמענפאָר
פֿונ פ. ס. ר. ר.



כאַווײרימ! דאס, וואס איכ וועל זאָגנ, וועט ווייניקער פונ אלצ דערמאנענ א געוויינטלעכע פארלאמענטארישע רעדע. איכ רייד דאָ, כאווײרימ, צו פאָרשטייערס פונ דער רעפובליק פונ ארבעטנדיקע, צו נאָענטע אונ טײַערע כאַווײרימ, וועמענ עס שטייט פאָר צו בויענ דאס לעבנ אפ נײַע יעסוידעס. דערפאר רעכנ איכ, כאַווײרימ, אז איכ קענ זיכ פילנ ניט געבונדנ, פולקומ פרײַ.

כאווײרימ, די טעג, ווענ איכ בינ געשטאַנענ בא וולאַדימיר איליטשעס אָרנ, האָב איכ איבערגעטראכט זיינ גאנצנ לעבנ, אונ אט וואס איכ האָב אייכ געוואָלט זאגנ: זיינ האַרצ האט געקלאַפט מיט הייסער ליבע צו אלע ארבעטנדיקע, צו אלע אונטערדריקטע. קיינמאָל האט ער עס אליינ נישט געזאגט אונ איכ וואָלט עס אויכ אייגנטלעכ, נישט געזאגט, ווענ נישט אזא געהויבענער מאָמענט. איכ זאג דאס דערפאַר, ווייל דעמ געפיל האט ער באקומענ אַלס יערושע פונ דער רוסישער העלדישער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. אָט דער געפיל האט אימ געטריבנ הייס אונ ליידנשאפטלעכ צו זוכנ אַנ ענטפער, ווי דאַרפ זיינ דער וועג צו באפרײַענ די אַרבעטנדיקע. דעמ ענטפער אפ די פראגעס האט ער באקומענ בא מאַרקסנ. נישט ווי קיינ ביכער־מענטש איז ער צוגעגאנגענ צו מאַרקסנ, ער איז צוגעגאנגענ צו מאַרקסנ, ווי א מענטש, וואס זוכט ענטפערס אפ פײַנלעכע אָנגעווייטיקטע פראַגעס אונ האט דאָרט די ענטפערס געפונענ. מיט די ענטפערס איז ער געקומענ צו די ארבעטער. דאס איז געווענ אינ די 90־טע יאָרנ, ער האט נית געקענט דעמאָלט ריידנ אפ קיינ מיטינגענ, איז ער אַוועק אינ

פּעטראָגראַד אינ די ארבעטער־קרײַזל, ער איז אַוועק דערצײלנ דאס, וואס ער האט זיכ דערוווסט בא מאַרקסנ, דערצײלנ וועגנ די ענטפּערס, וואס ער האט דאָרט געפונענ. נאָר געקומענ איז ער צו די ארבעטער, ניט ווי קײנ לערער, וואס איז גרויס בא זיכ; ער איז געקומענ, ווי א כאַווער; ער האט ניט נאָר גערעדט אונ דערצײלט; ער האט אופמערקזאמ געהערט, וואס דער ארבעטער האט אימ דערצײלט אונ די פיטערער ארבעטער האבנ אימ דער־צײלט ניט נאָר וועגנ דעמ, וואס ס'טוט זיכ אינ די פאבריקנ, ניט נאָר וועגנ דער אונטערדריקונג פונ די ארבעטער, זײ האבנ אימ אויכ דערצײלט וועגנ זײער דאָרפ.

אינ זאַל פונעמ פאַרײנענ־הויז בא וולאַדימיר איליטשס אָרב האב איכ געזענ "אײנעמ פונ די ארבעטער, וואס איז דעמאלט געווענ אינ קרײַזל בא וולאַדימיר איליטשנ, אונ אט דערדאזיקער טולער פויער אַנ ארבעטער פונ סעמיניקאָווער זאַוואָד האט געזאגט וולאַדימיר איליטשנ: דאָ אינ שטאָט איז מיר שווער אַלצ צו דער־קלערנ, איכ וועל גײנ אינ מײנ טולער גובערניע אונ וועל דער־צײלנ אַלצ, וואס איר זאגט: איכ וועל עס זאגנ מײנע אײגענע, איכ וועל עס זאגנ אויכ אנדערע פויערימ, זײ וועלנ מיר גלויבנ, איכ בינ דאָכ "אַנ אײגענער, קײנ שומ זשאַנדאַרמענ וועלנ ניט קענענ שטערנ דערבײַ.

אָט רײדנ מיר איצטער אַסאַכ וועגנ צוזאַמענשלוס צווישנ די ארבעטער אונ פויערימ. די געשיכטע אלײנ, כאוויירימ, האט געגעבנ דעמ צוזאַמענשלוס. דער רוסישער ארבעטער איז מיט אײנ פוס, מיט אײנ זײַט זײנער אַנ ארבעטער אונ מיט דער אנדערער זײַט א פויער. וולאַדימיר איליטש האט געארבעט צווישנ די פי־טערער ארבעטער, ער האט זיכ זײער אופמערקזאַמ צוגעהערט צו זײערע געשפּרעכנ, צו זײערע רעדעס, אדאנק דעמ, האט ער פאר־שטאַנענ מאַרקס'ס גרויסנ געדאַנק, דעמ געדאַנק, אז דער ארבע־טער־קלאַס איז דער אַוואַנגאַרד פונ אלע ארבעטנדיקע. זײנ קויעכ

באשטייט אינ דעמ, וואס ער איז דער אַוואַנגאַרד, וואס נאכ אימ גייענ אַלע מאַסנ ארבעטנדיקע, אַלע מאַסנ אונטערדריקטע. אינ דעמ איז די גאַראַנטיע פונ זיינ זיג. נאָר ווי א פירער פונ אַלע ארבעטנדיקע קאָנ דער ארבעטער־קלאַס זיגנ. דאס האט פארשטאַנענ וולאַדימיר איליטש, ווענ ער איז געגאַנגענ צו די פיטערער ארבעטער אונ האט געפירט אַנ ארבעט צווישנ זיי. אונ דער געדאַנק, די אידייענ האבנ באלויכטנ זיינ גאנצע ווייטערדיקע טעטיקייט, יעדנ טראָט זיינעמ, ער האט געוואָלט די מאַכט פאַרנ ארבעטער־קלאַס; ער האט פארשטאַנענ, אז דער ארבעטער־קלאַס דאַרפ האבנ די מאַכט ניט קעדיי צו בויענ זיכ א זיס לעבנ אָפּנ כעשבנ פונ אַנדערע אַרבעטנדיקע; ער האט פאַרשטאַנענ, אז די היסטאָרישע אופגאבע פונ ארבעטער־קלאַס איז צו באפרייענ אַלע אונטערדריקטע, אַלע ארבעטנדיקע, אונ אָט די גרונט־אידייע האט געלייגט א צייכנ אפ וולאדימיר איליטש גאנצער טעטיקייט.

כאַוויירימ פאָרשטייער פונ די ראַטנ־רעפובליקנ, פונ די אַרבעטנדיקע רעפובליקנ! צו אייכ ווענדע איכ זיכ אונ איכ בעט אייכ אָט דידאזיקע וולאַדימיר איליטשס אידייע באזונדער נאָענט נעמענ צומ האַרצנ.

איכ וויל זאגנ, כאוויירימ, די לעצטע עטלעכע ווערטער. כאַוויירימ! עס איז געשטאָרבנ אונדזער וולאַדימיר איליטש, עס געשטאָרבנ אונדזער ליבע, אונדזער אייגענער. כאַוויירימ קאָמוניסטנ! הויבט העכער די פאָן, וואס איז טייער געווענ לענינענ, די פאָנ פונ קאָמוניזמ! כאוויירימ ארבעטער אונ ארבעטערנס, כאוויירימ פויערימ אונ פויערטעס, אַרבעטנדיקע פונ דער גאנצער וועלט, שליסט זיכ אינ ענגע רייענ, שטעלט זיכ אונטער לענינס פאָנ, אונטער דער פאָנ פונ קאָמוניזמ.

די וויכטיקסטע געשעענישן אין וולאדימיר איליטשס לעבן

1870. דעמ 10־טנ אַפּרעל איז װ. א. געבוירנ אינ סימ־בירסק (איצט אוליאַנאָװסק).

1886. דעמ 12־טנ יאַנוואַר איז געשטאָרבנ װלאַדימיר איליטשס פאָטער, אי. נ. אוליאַנאָװ — דער אָרגאַניזאַטער פונ פאָלק־שולנ אינ סימבירסקער גובערניע.

1887. דעמ 8־טנ מײַ האט מענ אופגעהאנגענ א. אי. אוליאַ־נאָװנ, װלאדימיר איליטשס ברודער, װאס איז באגאנגענ אנ אטענ־טאט אפ אַלעקסאַנדער דעמ 3־טנ.

װ. אי. האט געענדיקט די סימבירסקער גימנאַזיע אונ אינ האַרבסט אָנגעקומענ אינ קאַזאַנער אוניװערסיטעט.

1888. דעמ 5־טנ פעװראַל װערט ער אויסגעשלאָסנ פונעמ אוניװערסיטעט פאַרנ באטייליקנ זיכ אינ די סטודענטישע אומרוענ אונ װערט ארויסגעשיקט קײנ קוקושקינאָ, קאַזאַנער גובערניע.

יול. װ. איליטשנ זאגט מענ אָפּ צוריק צונעמענ אינ אוניװער־סיטעט.

סענטיאַבער. די פאָליצײ פאַרבאָט װ. אי. צו פאָרנ קײנ אויסלאַנד.

1888 - 89. װ. אי. אינ קאַזאַנ.

1889. זומער. דאס אריבערפאָרנ קײנ סאַמאַרע.

1891. װ. אי. האט אָפּגעגעבנ די מעלוכע־עקזאַמענס, װי אַנ עקסטערנ אפ יורידישנ פאַקולטעט פונעמ פעטערבורגער אוניװער־סיטעט.

1893. דאס לעבנ אינ סאַמאַרע.

1893. די ערשטע גרופּע מאַרקסיסטן אין סאַמאַרע:

וו. אי. אוליאַנאָוו, א. אי. סקליאַרענקאָ און אי. כ. לאַלאַיאַנצ.

דאס אַריבערפאָרן קיין פּעטערבורג אין האַרבסט.

1894. וולאַדימיר איליטשעס ערשטע ארבעט, די אומלעגאַלע בראָשור:

„ווער זיינען די פריינט פון פאָלק, און ווי אזוי זיי קעמפן מיט די ס.-ד.".

וו. אי. טרעט אריין אינעם פּעטערבורגער קרייזל פון ס.-ד.

„די צענטראַלע גרופּע אפּ אָנצופירן מיט דער ארבעטער-באַוועגונג".

וו. אי. פירט אָן מיטן „Критик в гавани".

1895. אַפּריל. וו. אי. פּאָרט ארויס קיין אויסלאַנד, ווו ער קומט אין באַציִונגען מיט פּלעכאַנאָוון, אַקסעלראָדן, זאַסוליטש.

סענטיאַבער. קערט זיך אום פון אויסלאַנד און אָרגאַניזירט דעם „קאַמף-פאַרבאַנד פאַרן באַפרייען דעם ארבעטער-קלאַס".

9-טער דעקאַבער. דער אַרעסט פון „פאַרבאַנד", וו. אי. אין טיורמע.

1896. די טיורמע.

וו. אי. אַרבעט אין טיורמע איבערן בוך „די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד".

1897. 29-טער יאַנואַר. דער פּסאַק און וולאַדימיר איליטשס מישפּעט. וו. אי. ווערט פאַרשיקט אפּ 3 יאר קיין סיביר, אין יע-ניסייער גובערניע, דאָרף שושענסקאָיע.

1898. דאס לעבן אין פאַרשיקונג.

וו. אי. ווערט אויסגעקליבן פאַרן רעדאַקטער פון דער „ראַ-באָטשאַיאַ גאַזעטאַ", דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דער פּאַרטיי.

1899. אין פאַרשיקונג.

1900. 21 יאַנוואַר. וו. אי. קערט זיך אום פון סימבירסקער פאַרשיקונג. 3-וואָכיקער אַרעסט אין פּעטערבורג.

16 יולי. וו. אי. פאָרט אָפּ קיין אויסלאַנד. אונטערהאַנדלונגען מיט דער גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניִע טרודאַ" אין דער שווייץ.

וו. אי. פאָרט אַריבער קיין מיונכען, עס הויבט אָן צו דערשיינען די „איסקראַ".

1901. וו. אי — דער פירער פון „איסקראַ".

1902. וו. אי. לייענט לעקציעס אין דער פּאַריזער „העכערער שול פאַר סאָציאַלע וויסנשאַפטן".

1903. לויט וו. אי.׳ס איניציאַטיוו זאָגן זיך אָפּ די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אַרויסצוגעבן מיט די ליבעראַלן א געמיינזאַמען אַנטי־צאַרישן זשורנאַל.

דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. אַ. פּ.

1903. וולאַדימיר איליטשס אַרבעט אָפּן צוזאַמענפאָר אין גייסט פון רעוואָליוציאָנערן מאַרקסיזם.

די שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי אָפּ באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס.

וו. אי. אין שפּיץ פון די באָלשעוויקעס.

וו. אי. ווערט אויסגעקליבן פאַר א מיטגליד פון צ. ק., פּאַרטיי־ראַט און רעדאַקציע פון צ. אָ. (צענטראַלער אָרגאַן) „איסקראַ".

ערשטער נאָיאַבער. פּלעכאַנאָוו גייט אַריבער צו די מענשעוויקעס. וו. אי., אַלס אַן ענטפער אָפּ דעם טריט, גייט אַרויס פון דער רעדאַקציע „איסקראַ" און פונעם פּאַרטיי־ראַט.

1904. וו. אי. א מיטגליד פון צ. ק.

וו. אי. גייט אַרויס פון צ. ק.

וו. אי. פירט אָן מיט דער אַגיטאַציע פאַרן דריטן צוזאַמענפאָר, ווייל די מענשעוויקעס פילן ניט אויס און גייען קעגן דעם ווילן און די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי־מערהייט.

דעקאַבער. וו. אי. פירט אָן מיטן „וופּעריאָד", דעם אָרגאַן פון די באָלשעוויקעס.

1905. וואַלן אַפּ צוצוגרייטן דעם 3־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

וו. אי. רעדאַקטירט די צײַטונג „וופּעריאָד".

מײַ. דער 3־טער צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. אַ־פּ.

וו. אי. באַטייליקט זיך אינטענסיוו אין דער אַרבעט פון צוזאַמענפאָר.

וו. אי. אין שפּיץ פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי און פון „פּראָלעטאַרי".

אווגוסט־סעפּטיאַבער. וו. אי. אגיטירט מע זאָל באָיקאָטירן די „בוליגינישע" דומע, פאַר אַן אופשטאַנד, פאַר אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג.

סעפּטיאַבער־נאָיאַבער. נאָך 5 יאָר עמיגראַציע ווידער אין רוסלאַנד.

די פּראָפּאַגאַנדע און די צוגרייטונג „פון א באַוואָפנטן אופשטאַנד", וו. אי. פאָרט קיין מאָסקווע.

וו. אי. אגיטירט אין פּעטערבורג די אַרבעטער זאָלן שטיצן דעם אופשטאַנד אין מאָסקווע.

1906. אַפּרעל. 4־טער פּאַריייניק־צוזאַמענפאָר פון ר.ס.ד. א־פּ. (שטאָקהאָלם).

וולאַדימיר איליטשס טיכטיקע אַרבעט אַפן פאַריייניק־צוזאַמענפאָר.

זײַנע פאָרטראַגן אַפּ עטלעכע פראַגעס.

1906. נאָכן צוזאַמענפאָר קערט זיך וו. אי. אום קיין רוסלאַנד און פירט אָן מיטן באָלשעוויסטישן טייל פון דער פּאַרטיי.

יול. ער האַלט א פאַרבינדונג מיט די אָרגאַניזאַטערס פונעם סוועאַבאָרגער און קראָנשטאַטער אופשטאַנדן און נעמט אָן מיטלען די באַוועגונג זאָל אריבערגעטראָגן ווערן קיין פּעטערבורג.

וו. אי. גיט ארויס און רעדאגירט דעם אומלעגאַלן אָרגאַן פון די באָלשעוויקעס „פּראָלעטאַרי", פירנדיק אַן אַקשאָנעסדיקן קאַמף מיט די מענשעוויקעס און מיט די עסערן.

נאָיאַבער־דעקאַבער. א פּאַרביטערטער קאַמפּ מיט די „ראַבאָטשע־„ס'יעזדאָוצעס", מיט די „בלאָקיסטנ", מיט די „ק־ד" אונ מיט דער אָפּאָרטוניסטישער טאַקטיק פונ די מענשעוויקעס אונ פונ פלעכאַנאָוונ.

ו. אי. ארבעט אויס די פּלאַטפאָרמ פונ די באָלשעוויקעס צומ באטייליקנ זיכ אינ דער וואַל־קאָמיסיע.

1907. ו. אי. זאגט זיכ ארויס פאר די וואַלנ אינ דער צווייטער מעלוכע־דומע אונ פאַרנ אנטייל אינ איר (קעדיי צו אַנטפּלעקנ דעמ עמעסנ פּאַרצעפּ פונ די ליבעראַלנ, פּאָלקיסטישע גרופּעס אונ מענשעוויקעס).

ו. אי. פירט אָנ מיטנ באָלשעוויסטישנ טייל פונ די ס־ד. דומע־דעפּוטאַטנ.

אפּרעל־מיי. 5־טער לאָנדאָנער צוזאמענפאָר פונ ר. ס. ד. אַ־פּ.; ו. אי. נעמט א טיכטיקנ אנטייל אינ דער ארבעט פונ צוזאַמענפאָר.

יול. ו. אי. קערט זיכ אומ נאָכנ צוזאַמענפאָר קיינ רוסלאַנד. ו. אי. וווינט אינ פינלאַנד (קואָקאַלא).

1907. אַפּ דער אלגעמיינער פּארטעישער קאָנפערענצ זאגט זיכ ו. אי. ארויס פאר באטייליקנ זיכ אינ די וואַלנ צו דער 3־טער מעלוכע־דומע.

אווגוסט. ו. אי. אפנ שטוטגארטער קאָנגרעס פונ צווייטנ אינטערנאַציאָנאַל.

וולאַדימיר איליטשס אונ ר. ליוקסעמבורגס טעזיסנ:

„אינ פאַל פונ אַנ אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע — אָנהויבנ א סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע".

ו. אי. עמיגרירט דאס צווייטע מאָל קיינ אויסלאנד. (צווייטע עמיגראַציע 1907/17 יאר).

1908. ו. אי. אינ זשענעווע. די זאַמלונג ארטיקלענ „פאַר 12 יאָר".

אוגוסט. וו. אי. פאָרט קיינ לאָנדאָנ.

די ארויסטרעטונג קעגנ באָגדאנאָװ, לונאטשאַרסקיס, באַזאַ־ראָװס „עמפּיריאָקריטיציזמ".

דאס אריבערפאָרנ קיינ פּאַריז

1908. 21 דעקאַבער. וו. אי. נעמט אַנ אנטייל אינ דער דעקאַבער־קאָנפערענצ, זיינ אָנגעשטרענגטער קאַמפּ קעגנ „ליקווי־דאטעריי" אונ „אָטזאָוויזמ".

1909. וו. אי. וווינט אינ פּאַריזש.

מײַ. די באָלשעוויסטישע קאָנפערענצ אינ פּאַריזש.

די שפּאַלטונג מיט די „אָטזאָוויסטנ".

וו. אי. דערנעענטערט זיכ מיט פּלעכאַנאָוונ אינ אלגעמיינעמ קאַמפּ מיט די ליקווידאטערס.

„מאַרקסיזמ אונ עמפּיריאָקריטיציזמ", וולאַדימיר איליטשס אר־בעט געווענדט קעגנ די „עמפּיריאָקריטיקער".

1909. דעקאַבער. וו. אי־ס לעקציע פאר די צוהערער פונ דער פּאַרטיי־שול אַפנ אינדזל קאַפּרי.

1910 וו. אי. אינ פּאַריזש. די ארבעט אפנ פּלענומ פונ צ. ק.

וו. אי. פאָרט אַפנ קאָפּענהאגענער קאָנגרעס פונ צווייטנ אינ־טערנאַציאָנאל. זיינ ארבעט אינ דער קאָאָפּעראַטיווער קאָמיסיע.

נאָיאַבער. וו. אי. אָרגאניזירט די „ראַבאָטשאַיא גאַזעטאַ".

1911. וו. אי. לייגט פאָר ארויסצוווײַזנ איניציאַטיוו אינעמ צו־נויפרופנ א קאָנפערענצ אונ אָרגאניזירנ א נײַעמ צ. ק.

זומער. זיינע לעקציעס אינ פּאַרטיי־שול.

1912. וולאַדימיר איליטשס ארבעט אַפ אויפצושטעלנ די פּאַרטיי. זײַנ ארבעט אפ דער פּאַריזשער זיצונג פונ צ. ק. פונ דער פּאַרטיי.

9 מײַ. וו. אי׳ס פאָרטראַג אפ דער זיצונג פונ דער פּאַריזשער סעקציע פונ דער אויסלענדישער אָרגאניזאַציע פונ ר. ס. ד. א־פּ.

יול. ו. אי. פאָרט אריבער פונ פאריז קײנ גאַליציע (נעענטער צו דער רוסישער גרענעצ), קעדײ בעסער צו װירקנ אפ דער רעװאָליוציאָנערער באַװעגונג.

די ארבעט אינ די צײטונגענ: „סאָציאַל־דעמאָקראַט", „פראַװדא", „זװעזדא", „נעװסקאיא זװעזדא" אונ זשורנאַל „פראָסװעשטשעניע".

1913. װ. אי.׳ס טיכטיקער אָנטײל אינ א גאנצער רײ באַראַטונגענ פונ צ. ק. באָלשעװיקעס. (אויכ אינ דער אַװגוסט־באַראַטונג).

װ. אי. פירט אָנ מיט דער ארבעט פונ דער דומע־„פיאַטיאָרקע".

דער קאמפ פאר „נישט קײנ פארקירצטע" לאָזונגענ פונ ארבעטער־קלאַס. די ארבעט אינ „פראַװדאַ" אונ „פראָסװעשטשעניע".

א באַגריסונג־טעלעגראַמ פונעמ מעטאַליסטנ־פאַרײנ צו לענינענ, „אלס צומ װירקלעכנ פירער פונ ארבעטער־קלאַס".

1914. דער קאַמפ פאר דער פארטײ מיט די פירערס פ׳נ צװײטנ אינטערנאַציאָנאַל. די ארבעט אינ „פראַװדאַ" אונ „פראָסװעשטשעניע".

די מילכאָמע טרעפט װ. אי. אינ א פארװאָרפנ גאַליציאַניש דערפל פאָראָנינ. די עסטרײַכישע רעגירונג אַרעסטירט װ. אי. אונ האלט אימ אָפ בא צװײ װאָכנ אינ דער עסטרײַכישער קאָרדעגאַרדיע.

װ. אי. פאָרט אריבער קײנ שװײצ.

װ. אי.׳ס „טעזיסנ װעגנ דער מילכאָמע" (װעגנ פאַרװאַנדלענ די אימפעריאַליסטישע מילכאָמע אינ א בירגער־קריג). דער קאַמפ מיטנ סאָציאַל־שאָװיניזמ אונ מיט די באַשיצלער.

1915. דער קאַמפ מיטנ „סאָציאַל־שאָװיניזמ" אונ מיטנ אימפעריאַליסטישנ קריג. װ. אי. ארבעט אינ „סאָציאַל־דעמאָקראַט".

װ. אי. פירט אָנ ארבעט צװישנ די שװײצאַרישע ארבעטער; ער נעמט א טיכטיקנ אָנטײל אינ דער בערנער קאָנפערענצ פונ דער אױסלענדישער באָלשעװיסטישער סעקציע.

די ארבעט אפ צו אָרגאניזירנ אונ פאַרײניקנ די קױכעס פונ דער רעװאָליוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

די צווייטע בערנער קאָנפערענצ פונ דער אויסלענדישער באָלש. סעקציע. די פאַרקאָנפערענצ דעמ 11 - טנ יולי אינ בערנ.

8 — 5 סענטיאַבער. די צימערוואַלדער קאָנפערענצ.

1915. לענינ — דער פאָרשטייער פונ לינקנ פליגל. דער צוזאַמענשטויס מיט לעדענבורנ.

1916. וו. אי.'ס ארבעט אפ דער בערנער באראטונג 8 — 5 יוני, אפ דער קינטאלער קאָנפערענצ 30 — 24 אַפרעל (די לינקע אָפּאָזיציע, אָנגעפירט פונ לענינענ). די לאָזונגענ: אָנעמענ אנטשיידענע מיטלענ צו ליקווידירנ די מילכאָמע (אַנ אלגעמיינער שטרייַק, סאַבאָטאַזש, באוואָפנטער אופשטאַנד), פארוואנדלענ די אימפעריאַליסטישע מילכאָמע אינ א בירגער - קריג. פעווראַל. וולאַדימיר אילייטש'ס אַרויסטרעטונג אַפנ מיטינג פונ די סאָציאַליסטנ אינ בערנ.

די אומפאַרמיידלעכקייט פונ דער פראָלעטאַרישער רעוואָליוציע קעגנ דער עקזיסטירנדיקער קאַפיטאליסטישער אָרדענונג נאכ דער מילכאָמע.

וו. אי.'ס פאָרטראָגנ אינ בערנ, אינ ציוריכ, די ערשטע העלפט פונ 16 - טנ יאָר.

1) מע מוז איבערקוקנ די אַגראַר - פראָגראמ פונ ר.ס.ד. א - פ. אונ פארבייטנ „מוניציפאליזאציע" אפ „נאַציאָנאליזאציע", 2) די נאָענטסטע אופגאבנ פונ ס. ד. אינ רוסלאנד.

וו. אי.'ס בריוו קיינ פעטערבורג וועגנ דער נויטיקייט ארויסצוטרעטנ אפ דער ערשטער זיצונג פונ דער נייַער סעסיע אינ דער מעל. דומע מיט א קאַטעגאָרישער דערקלערונג וועגנ טייקעפדיקנ שאָלעמ.

דאס פראָפאַגאַנדירנ די אידייענ פונ רעוואָליוציאָנערנ אינטערנאציאָנאליזמ צווישנ די שווייצאַרישע ארבעטער.

וו. אי. לאָזט ארויס אינ ציוריכ דרייַ ביכלעכ פונעמ זשונאל „פאָרבאָטע".

1917. וו. אי. קערט זיכ אומ קיינ רוסלאַנר, נאכ דער קאמאט צעניאָריקער עמיגראַציע.

די ערשטע ווענדונג צו די מאַסנ מיטנ לאָזונג: זאָל לעבנ די אַלוועלטלעכע סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע.

4 אַפּרעל. וולאַדימיר איליטשס „טעזיסנ“.

די ארבעט אפ דער באָלשעוויקעס־קאָנפערענצ.

22 מײַ. וולאַדימיר איליטשס רעדע אַפנ ערשטנ צוזאמענפאָר פונ די פויערשע דעפוטאַטנ.

יונ. וו. אי.ס אַרויסטרעטונג אַפנ ערשטנ אַלפארבאנדישנ צו־זאמענפאָר פונ די ארבעטער־ אונ סאָלדאַטנ־ראַטנ. („א טאַפּ טאָ די קאפּיטאליסטנ“).

א פּאָגראָם אינ דער רעדאקציע „פראַוודאַ“.

דער באפעל צו אַרעסטירנ לענינענ.

יול. וו. אי. איז ווידער געצווונגענ קאמאט פיר כאדאשימ צו זיינ אינ אונטער־ערד אפ דער וויבאָרגער זייט אונ אינ פינלאנד. פונ אונטערערד פירט ער אָנ מיט דער פארטיי אונ ארבעט מיט אינ דער באָלשעוויסטישער פרעסע.

יול. דער 6־טער צוזאמענפאָר פונ ר. ס. ד. א־פּ (באָלשע־וויקעס). די הויפּט־אופגאבע איז ארָאפּצוואַרפנ קערענסקינ, ליק־ווידירנ די מילכאָמע אונ צוטרעטנ צו דער סאָציאַליסטישער בויונג.

וולאַדימיר איליטשס לאָזונג: „מע דאַרפ גיכער נעמענ די מאכט, אז ניט וועט זיינ שפּעט“.

דער בריוו צומ צ. ק. פונ דער פארטיי: „געווג מיט פארשלע־פּעניש!“ „מע דאַרפ ארומרינגלענ די „אַלעקסאַנדרינקע“ מיט מילי־טער, צעטרײַבנ די גאנצע באַנדע אונ נעמענ די מאכט צו זיכ אינ די הענט“.

ניט פרעגנדיק בא קיינעמ, ריזיקירנדיק ארייננצופאַלנ אינ די הענט צו קערענסקיס אַגענטנ, קומט וולאדימיר איליטש צופאָרנ פונ אונטערערד קיינ פעטערבורג, קעדיי צו אָרגאניזירנ דעמ אופ־שטאַנד.

אָקטיאַבער-רעוואָליוציע

25-26 אָקטיאַבער. צווייטער ראַטנ-צוזאַמענפאָר. וולאַדימיר איליטשס רעדע. לויט וולאַדימיר איליטשס פאָרשלאג דעקרעטירט דער צווייטער ראַטנ-צוזאמענפאָר א טייקעפדיקנ שאָלעמ. די ערד אָנ אויסקויפ-געלט איבערגעבנ די ארבעטנדיקע.

געגרינדעט א ראַט פונ פאָלק-קאָמיסאַרנ מיט לענינענ אינ שפיצ.

1918. וו. אי. פאָרט אריבער צוזאמענ מיטנ ראַטפאָלקאָמ קיינ מאָסקווע.

30 אַווגוסט. אַנ אטענטאט אפ וו. אי. מיצאד א מיטגליד פונ דער ס. ר.-פארטיי.

1919-20-21-22. וו. אי. דער אומפאַרבייטלעכער פירער פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי, פונ דער ראטנמאכט, דער פירער פונ דער אַלוועלטלעכער פראָלעטארישער רעוואָליוציע.

1922-23. וולאַדימיר איליטשס שווערע קרענק.

1924. דעמ 21 יאנואַר 6 אזייגער 50 מינוט אינאָוונט איז וולאדימיר איליטש געשטאָרבנ.